## אין היינטיגען נומער:
## בילדער און בעשרייבונגען פון די פייערליכקייטען אין לובלין

# בית יעקב
# חודש זשורנאל


ארגאן פאר די אינטערעסען פון בית-יעקב-שולען און ארגאניזאציעס בנות-אגודת-ישראל אין פוילען

רעדאקטאר: א. ג. פרידענזאן.

נומער 56

7 יאהרגאנג



עס איז נאָך צו בעקומען די ערשט-ערשינענע
אויסגאַבען פון אונזער טאַשען-ביבלאָטעק:
„ר ו ת“ אין יודיש פון ש. נאַדלער.
„פ ר ק י א ב ו ת“ אין יודיש פון א. מ. ראָגאָווי.
ביידע אויסגאַבען קאָסטען 1.50 זל.
אָהן געלט ווערט נישט געשיקט.
געלט שיקען: P.K.O. 67.795

עס איז אויך נאָך צו בעקומען די פראָפּאַגאַנדע בראָשור
פאַר׳ן ב״י געדאַנק פון שרה שענירער צום פרייז פון 15 גר. אַנ׳עקז.
100 עקז. נאָר 11 זל. מיט פּאָרטאָ. 50 עקז. 6.60 זל.


## יעדער פריינד פון אונזער ליטעראַטור

ארכיון אסופות

געדענקט תיכף נאָכ׳ן דורכלייענען די שורות, זיך צו בעשטייערן פאַר אונזער יובל-פאָנד, דורכ׳ן פעראייביגען דעם נאָמען צווישען די*. וואָס שטיצען אונזער געדרוקט וואָרט, גיט מען הילף און מוט צו ווייטערע דערגרייכונגען פאַר אונזערע אידעאַלען!

## יעדע יודישע טאָכטער

געהט מיט אונזער זאַמעל-ליסטע, פאָדערט אויף יעדען איינעם צו האָבען אַ חלק אין דעם איינמאָליגען פאָנד, וואָס ווערט געזאַמעלט פאַר אונזער ליטעראַטור, נאָך אַ בילאַנס פון זיבען יעהריגער ערפאָלגרייכער אַרבייט.

## אם לא עכשיו אימתי?

ווען נישט איצט, וואָס מ׳קען פיל אויפטהון מיט דער פראָפּאַגאַנדע אין שריפט, זאָל מען העלפען, ווען-זשע דען וועט דאָס געטהון ווערען?

## מיר האָפען און זעבען זיכער אַז

אונזער יעצטיגער רוף וועט פון אַלע דערהערט ווערען, און פון אונזער זייט, גיבען מיר דעם צו זאָג, פילפאַך צו פערשטאַרקען און פערגרעסערן אונזער אַרבייט, און עס זאָל געשאַפען ווערען אַ רייכער אוצר פון ליטעראַטור פאַר אונזער שול און הויז!

אַלע שפענדען און געזאַמעלטע געלטער דאַרפען געשיקט ווערען אויף אונזער נייער פ.ק.אָ.-קאַנטאָ № 67.795


שוין אַרויס פון דרוק:

**Rabin Aron Lewin**

BAJS JAKOW

Przemówienie przy uroczystości z okazji położenia kamienia węgielnego pod budowę ortodoksyjnego Seminarjum nauczycielskiego dla szkół „Bajs Jakow".

פרייז 40 גר. — 10 עקז. נאָר 3.00 זל.

סוף הייניטיגען חודש ערשיינט:

„חמשה עשר באב“

דער טראַדיציאָנעלער יום-טוב פון דער יודישער טאָכטער.

(בעארבייט לויט יודישע אגדות און פערשידענע היסטאָרישע קוועלען)

פון ל. שיף

פרייז 50 גר. א עקז. 10 עקז. נאָר —.3 זל.

# די יודישע פרוי פאַר „ישיבת חכמי לובלין"

אין דער געשיכטע פון „ישיבת חכמי לובלין" וועט דער קו־מענדיגער היסטאָריקער מיט גאָלדענע אותיות פערשרייבען די גרויסע לייסטונגען פון דער יודישער פרוי פאַר דעם ריזיגען יח"ל־ווערק.

עס איז א דערפרעהענדער פאַקט, אַז די יודישע פרוי, וואָס אויף איהר דערציילען אונזערע חכמים, אַז ביים אויפבוי פון משכן איז זי געווען די ערשטע, וואָס האָט געברענגט איהר ציהרונג און די טייערסטע חפצים צום בנין. די זעלבע יודישע פרוי האָט נאָך טויזענטער יאָהרען ביים אויפבוי פונ'ם „מקדש־מעט", צום בנין פון דעם נייעם היסטאָרישען תורה־היכל אין לובלין אויך געגעבען איהר גרויס חלק.

און זאָלען אַלע וויסען: די לובלינער יודישע פרויען — אויך פיל אָרימע צווישען זיי — האָבען אַ שעהנע גרויסע זאַך געטהון. זיי האָבען זיך אַרויסגעוויזען אַלס די „חכמות נשים בנתה ביתה". אַז איהר שפּאַצירט דורך די פיל צימערן פון ישיבה־בנין, געפינט איהר אויף די פענסטער אָנגעקלאַפּטע מעשענע שילדלעך, אויף וועלכע עס זענען אויסגעקריצט נעמען פון יודי־שע פרויען צום אָנדענקען פון זייער שפּענדען.

עס איז אויך בעוואוסט, אַז דער גרויסער פלאַץ, וואו עס געפינט זיך דער ישיבה־בנין, און וועלכער איז געשפּענדעט גע־וואָרען דורך ר' שמואל אייכענבוים, האָט אַ גרויסען חלק דערין די חשוב'ע פרוי פונ'ם מנדב מלכה אייכענבוים. די ג' פ' אייכענבוים איז א פאַקט, דאָס נישט נאָר זי האָט זיך, חלילה, אַקעגענ־געשטעלט איהר מאַן דעם מנדב, נאָר גאָר בלב ונפש זיך מיטגע־פרעהט אויף דער גרויסער געטהוענער זאַך. עס איז אויך בעקאַנט דאָס פרוי אייכענבוים האָט צוגעזאָגט צו געבען מילך, פּוטער, קעז א. ד. גל. פאַר אַלע ישיבה־בחורים פון איהר גוט „שעדליסקא".

אַ געוויסע אָנגעזעהענע פר. י' ראָזענבלאַט, איינע פון די חשובסטע לובלינער בנות־עסקנות האָט אויף איהר נאָמען גע־שפּענדעט אַ צימער. אויף דעם טיר פונ'ם צימער געפינט זיך טאַ־קי אַ שילדעל מיט איהר נאָמען.

די פּרעזעסין פון די לובלינער „בנות אגודת ישראל" פרוי בלאָהזייד דערציילט אונזער שליח אָט־וואָס:

פערגאַנגענעם חודש טבת איז געשאַפען געוואָרען אַ ספּע־ציעלער פרויען־קאָמיטעט ביי דער ישיבה פון: הרבנית עפּשטיין, הרבנית טווערסקי, מלכה אייכענבוים, חי' ראָזענבלאַט, ליבע בלאָהזייד, מנוחה רעכטמאַן, פרוי אייכענבוים (אַ שנור פון ר' שמואל אייכענבוים. ר' ישעי' ראָזענבוים'ס אַ טאָכטער פון וואַר־שא) בלימא פּוטער, פר. זילבעררייך, פר. פּאַרטשטעטער, פר. אָרענשטיין, פר. בערגאַייזען א. א. דער דאָזיגער קאָמיטעט האָט אָנגעהויבען זאַמלען בעטגעוואַנד און די אַקציע האָט זיך גלענ־צענד איינגעגעבען. אָרימע פרויען האָבען זאָגאָר אַוועקגעגעבען זייער לעצטע קישען... אייגאייגציגע פרוי [illegible] נאָמען מאַטעל האָט געזאמעלט 50 קישענס! דאָס יודישע שפּיטאָל האָט זאָגאָר געהאַט מיט דער פרוי מאַטעל א דין־תורה ביי הרב שפּירא, פערלאַנגענדיג פון די 50 קושענס אייניגע פאַר'ן שפּיטאָל.

כדאי אויך צו דערמאָנען, אַז ווייבער פון דער לעוואַר־טאָווער גאַס, פשוט'ע פרויען: הענדלערקעס, אַרבייטערינס א. ד. גל. האָבען געבראַכט אַ מתנה אַ שעהן־אויסגעשטיקט פרוכת פאַר'ן אָרון הקודש פון דער ישיבה.

די לובלינער בנות־אָרגאַניזאַציע שענקט אַ שעהן אויסגע־שטיקט פלוש־טישטוך מיט דער אויפשריפט: „נדבת בנות אגודת ישראל בלובלין — בשביל „ישיבת חכמי לובלין".

די לובלינער „בנות" האָבען אויך אין טאָג פון דער פּייע־רונג געפיהרט א לעבהאַפטען פערקויף פון די נאָלעפּקעס לטובת דער ישיבה.

אזוי אַרום איז דער אָנטייל פון דער יודישער פרוי אין „ישיבת חכמי לובלין" גאָר אַ גרויסער און עס בלייבט נאָר צו האָפען, אַז ביים אויסהאַלטען די ישיבה זאָלען אַלע יודישע פרויען ווייטער ערפילען זייער פליכט. דורכ'ן געדענקען תמיד אין דער פּישקע פון יח"ל וועט די יודישע פרוי זיין דער ערשטער און שטאַרקסטער געבער פון הילף צום היכלען הויז.

**כבוד און שטאָלץ צו אייך, ליבע שוועסטער פאַר אייערע שעהנע מעשים לטובת „ישיבת חכמי לובלין"!**

## דער רוף פון לובלינער רב צו דער יודישער פרוי

ב"ה

יעדע יודישע פרוי וואָס דער כבוד התורה איז
ביי איהר טייער [illegible] איהר הילף [illegible]
פון „ישיבת חכמי לובלין"
די [illegible] איז [illegible] און דער [illegible]
[illegible] זכרון פון היסטאָרישער [illegible]
און [illegible] פון יודישע [illegible]

[illegible]

[illegible]

# קאָמוניקאַט

### פון דער בית־יעקב צענטראַלע קראָקע, אויגוסטינסקא 30

1) מיר האָבען שוין אַרויסגעשיקט צו אַלע אמטירענדע ב"י לעהרערינס איינלאַדונגען צו די פאָרקומענדע פאָרטבילדונגס־קורסען אין ראַבקא, מיט גענויער בעצייכנונג פון טערמין און אַלע איבריגע נויטיגע פרטים.

די יעניגע לעהרערינס, וועלכע האָבען דורך אַ וועלכע ס'איז סבה די איינלאַדונג נישט דערהאַלטען, מוזען זאָפאָרט מעל־דען, בכדי רעכטצייטיג צו ווער'ען גאָכמאָל איינגעלאַדען.

2) מיט דער פערשטענדיגונג פון דער „בנות צענטראַלע" אָרדנען מיר איין אין ראַבקא א „בנות" פיהרערין קורס אין דער צייט פון י"א אב (5/8) ביז י"ז אלול (10/9).

די אָנטיילנעמער אינ'ם דאָזיגען קורס איז נאָר צולעסיג פאַר אזעלכע חברות, וועלכע זענען דירעקט דעלעגירט מצד די „בנות" אָרטס־גרופּען און וועלען זיך פערפליכטען דאַן אין דער אָרטיגער גרופּע צו אַרבייטען.

„בנות" אָרגאַניזאַציעס, וועלכע האָבען בדעה צו דעלעגירען צום דאָזיגען קורס וועמען פון איהרע חברות, מוזען וואָס שנעלער זיך ווענדען צו אונז בנוגע אינפאָרמאַציעס.

אָהן א פריהערדיגע רעגיסטראַציע און איינלאַדונג דאַרף קיינער זיך נישט דערוועגען צו קומען צום דאָזיגען קורס. ווייל מיר וועלען מוזען אָהן שום ריקזיכט צוריק אהיים שיקען.

3) אונזערע לעהרערינס, סימפּאַטיקער און אגודה עסקנים פאָדערן מיר דרינגענד אויף צו פערמיידען יעדעס פּראָפּאַגירען פון גרינדען נייע בית יעקב שולען. צוליב'ן קאַלאָסאַלען מאַנגעל פון קוואַליפיצירטע לעהרערינס איז יעצט נישט מעגליך צו גרינדען נייע שולען און איז נאָר גורם אכאָאָס אין אונזער אַרבייט. דעמאָלט ווען מיר וועלען פערפיגען איבער די נויטיגע לעהרקרעפטען, וועלען מיר תיכף אליין מעלדען און אונזערע סימפּאַטיקער אויפפאָדערן צו פיהרען די אגיטאַציע צו גרינדען נייע בית יעקב שולען.

4) לעהרערינס, וועלכע זענען נישט אויסגעבילדעט אין אונזער סעמינאַר קענען נישט ערוואַרטען קיין שום אונטערשטי־צונג און אָנערקענונג מצד אונז און דעריבער נישט נאָר, וואָס אזעלכע וועלען פון אונז אויס קיינמאָל נישט רעקאָמענדירט ווערען צו פערנעהמען וועלכע ס'זענען בית יעקב פּאָסטענס, נאָר וועלען פון אונז קיינמאָל נישט ווערען קוואַליפיצירט.

פערוואַלטונגען וועלכע אנגאַזשירען דעם דערמאָהנטען סאָרט לעהרערינס קענען בשום אופן נישט פּרעטענדירען אָנצו־רופען זייערע שולען מיט'ן נאָמען „בית יעקב" און מיר טראָגען פאַר זיי נישט דעם מינדעסטען אחריות. פון אינטערשטיצען די דאָזיגע קען א וודאי קיין רייד נישט זיין.

ארכיון אסופות

ב"ה לאָדז,
תמוז תר"ץ.
זיבעטער יאָהרגאַנג

№ 56

Łódź,
Lipiec 1930
Rok VII

בית יעקב
חודש זשורנאַל

אָרגאַן פאַר די אינטערעסען פון בית יעקב שולען און אָרגאַניזאַציעס בנות אגודת ישראל אין פוילען

בית יעקב לכו
ונלכה באור ד'
(ישעי')

אשה יראת ד'
היא תתהלל
(משלי)

# מיר האָבען געזעהן...

פון הרב משה חיים לויא אב"ד ור"מ דק"ק פרעשאוו (סלאָוואַקיי)

ויברך דוד לעיני כל הקהל:
די ברכה פון דוד המלך האָט מען נישט בלויז געהערט, מען האָט זי געזעהן...

ס'איז נישט געווען אַ סתם צוזאַמענפאָהר, אַן אסיפה וואו מען הערט, מ'רעדט. דאָ האָט מען געזעהן.

דער גרויסער קוואַל פון אהבה צו דער תורה, דער שטאַרקער חשק פון צו פרייען זיך מיט דער תורה האָט שוין מעהר קיין פלאַץ גע־האַט אין זיך. ער האָט זיך געמוזט צוגיסען.

ס'איז געווען אין דער בחינה פון דברים היוצ־אים מן הלב: זאַכען, וועל־כע געהן אַרויס מיט אייגענגעפיהל פון טיפען האַרץ זענען אויך ממילא „נכנסים אל הלב", פון זיך, ווידערשטאַנדלאָז, געהן זיי אַריין אויך אין אַנדערנס האַרץ.

אַזוי האָט די איבער־פולטע מאַסע פון פריידען זיך לופט געמאכט און גע־שיקט איהרע שטראַהלען איינער צום אַנדערן.

און די שמחת תורה שטימונג איז ענטשטאַנען...

זעהענדיג ווי די תורה לעבט ב"ה נאָך אַזוי שטאַרק אין פאָלק. ווי יעדער האָט פערגעסען זיינע פערזענליכע ענינים און איז געקומען אָפּגעבען כבוד דער תורה הקדושה און איהרע לערנער, ואָט זיך דאָס האַרץ אָנגעפולט מיט פרייד און צו ענג, איז דאָס האַרץ געווען, נישט געקאָנט האָט עס איינגעהמען אַזוי פיעל פרייד, דאָס האַרץ-פולקייט האָט זיינע ברעגעס איבער־שטרעבט, דאָס יודישע האַרץ האָט געוויינט פאַר שמחה.

נאָר די האַרטנעקיגע אויגענהאַטלעך האָבען נישט צוגע־לאָזט די פּ יירען-טרעהרען זאָלען זיך איבערק ילערן.

אָבער דאָס פייכטקייט פון די טרעהרען האָט בעטויט די גלאַנציגע חדוה'דיגע אויגען, מ'האָט די שמחה געזעהן...

אַזוי ווי די ברכה פון מלך דוד אַמאָל איז געווען לעיני כל הקהל בבחי' „וכל העם רואים את הקולות", מ'האָט זי נישט בלויז געהערט נאָר ממש געזעהן, אַזוי האָט השי"ת אונז בולט גע־וויזען די ברכה, וואָס ער האָט אונז געשיקט דורך דעם גרויסען שעפער פון יח"ל הגאון אבד"ק לובלין שליט"א.

די שמחה האָט אונז געוואָלט ווייזען די גרויסע גייסטיגע כחות, וואָס ליגען בעהאַלטען אין תורה-פאָלק, האָט אונז אַראָבגעשיקט אַ געניטע האַנד, וואָס פער־שטעהט קינסטלעריש אַרויס־צוציהען די בעהאַלטענע אוצרות פון זייער פער־באָרגענהייט.

ער, דער גאון, האָט אונז געוויזען וואָס מיר זענען פאַר דער תורה און וואָס זי איז פאַר אונז.

ס'איז געווען אַ טאָג פון התגלות...

— — — — — —

אין דער גרויסען ים פריידען - טרעהרען זענען אויך קרישטאָלענע וועה־טרעהרען אַריינגעפלאָסען.

אינ'ם פרעכטיגען בנין געפינט זיך דאָס קינסטלע־רישע ווערק פון בית המקדש אין מיניאַטור. 15 חדשים האָט אַ יודישער מייסטער, אַת"ח דערביי פלייסיג גע־אַרבייט. און ס'איז באמת געלונגען. אפילו די נישט־יודען און פרעמדע, וואָס האָבען עס בעזוכט זענען נתפעל געוואָרען און איהם, דעם קינסט־לער מיט אַנערקענונג די האַנד געדריקט.

ווען עס האָבען זיך אָנגעהויבען שיטען די טויזענדער פרויען פון לובלין אין דער סביבה צו בעטראַכטען דאָס שעהנע בית המקדש'ל האָב איך דעם מייסטער ר' הענעך געפרעגט: זאָגט



דער לובלינער רב
הגאון רבי מאיר שפירא שליט"א

ארכיון אכסאות

מיר ר' הענעך, וועלכעס בעוואונדערן דאָס די פרויען ?

און די תשובה איז געווען : אַ סך ווייבער אַזוי ווי זיי קו־מען אַריין און דערזעהן ס'בית המקדש וויינען זיי.

כ'בעט אייך, פרעגט די סבה פון דעם וויינען, — האָב איך פון איהם פערלאַנגט.

און ער זאָגט מיר : כ'האָב שוין געפרעגט און זיי ענט־פער'ן : „מיר דערמאָנען זיך אין חורבן בית המקדש.

ווידער אַ התגלות.

דאָס געזעהענע ציהט אַרויס דאָס בעהאַלטענע.

לאַנג פערגעסענע, פערשיטע געפיהלען קומען ווידער צום פאָרשיין, ווען מען דערזעהט קלאָר זאַכען, וואָס פערקערפערן זיי. זיי קומען מיט אַזאַ קראַפט, אַז זיי פערטרייבען דאָס נאָהענטסטע, — דאָס לעבען מיט זייער האַרבקייט.

די ביידע, די פרייד - טרעהרען און די ליידענטרעהרען האָבען יעצט פרע־זענטירט מיט זיך דעם טיפען מהות פון יוד, דאָס גייסטיגע, דאָס הימעלדיגע שטעהט העכער פונ'ם אייגענעם : „אם לא אעלה את ירושלים על ראש שמחתי,

— אויפ'ן טראָהן פון דער שיחה, אלס עיקר שטיל איך מיין טרויער קעגען חורבן — דאָס פערזענליכע ווערט בטל לגבי דעם גרויסען וועלט-וואונדער, לגבי דער היסטאָרישער ערוואַכונג.

דערפאַר זאָגען מיר מיט רעכט די תפלה „שויתי ה' לקראתי — שתרחמני עוד בגלותי — ווען מיר בעטען, אַז מיר זאָלען אויסגעלייזט ווערען פון גלות, דעמאָלט שוועבט פאַר מיר הש"י אין ז יי ן גלות. די ווייטאָג שלינגט* אין זיך איין אונזער פערזענליכען שמערץ...

דאָס האָבען מיר געזעהן — — —

ווען מיר רעדען פון דער ציטוווילי־גער פערבאָרגונג פון מענשליכען גייסט געוועקט דורך רעליגיעזע סימבאָלען, וועלכע מוזען סוף כל סוף צום פאָרשיין קומען, איז וויכטיג צו דערמאַנען דעם גרויסען חילול, וואָס ווערט דורך דער פרוי אויף זיך זעלבסט געטון דורך דער פרייער מאָדערנער קליי־דונג. אַ שווערען מאָראַלישען זעלבסטמאָרד בעגעהט זי, ווען זי געהט נאָך דער נאַרישער מאָדע, זיך פאָרשטעלען מיט ענטבלויז־טע שטיקער קערפער.

הייסט דען דאָס נישט פערלייקענען זיין האַרץ-געפיהל, וויין גייסטיגען אוצר, מיט וועלכען השי"ת האָט זי אַלס מענש בע־ציהרט ? ווען זיי וואָלטען געזוכט די בעהאַלטענע אוצרות אויפ־צודעקען, וואָלטען זיי נישט אַרויסגערוקט און שטאָלצירט מיט זייער גוף.

איך גלויב, אַז עס זענען פערהאַן פרויען, וואָס פיהלען זיך זעהר שלעכט אין דער נישט יודישער מיאוסער הלבשה, נאָר זיי שעהמען זיך פשוט אַנדערש צו קליידען, ווייל זיי האָבען קיין מוט נישט דערצו. און דער נביא קלאָגט טאַקי אויף אַזאַ צייט :

„הביטה וראה חרפתנו" — זעה מיט וואָס מיר שעהמען זיך. מיר שעהמען זיך מיט אונזער איידעלקייט, מיט אונזער צניעות...

בנות ישראל ! זייט וויסען, אַז דער שעהנער אָרון הקודש אין דער לובלינער ישיבה שטעהט פריי אָהן אַ פרוכת. ס'זעהט אַזוי גרויל אויס. נעהמט אייך צוזאַמען און שטיקט אויס מיט גאָלדענע אותיות אַ שעהן פרוכת פאַר דעם שעהנעם אָרון, אַזוי ווי עס אויך געווען אין בית המקדש.

„נשים היו אורגות הפרכת" — (שקלים, כתובות ק"ה).

איהר פרעגט פאַרוואָס גראָד נשים ? לויט ווי די גמרא (יומא נ"ד) שילדערט אונז, איז דער צוועק פון פרוכת געווען : פערדעקען, פערהילען. דער אָרון הקודש און די שטאַנגען, וואָס האָבען איהם געהאַלטען האָבען געמוזט זיין פערדעקט דורך דעם פרוכת. ס'האָט גאָרנישט געטאָרט זיין אָפגעדעקט. אַלעס האָט גע־מוזט זיין פערדעקט.

צניעות'דיג פערהילט האָט ער געמוזט זיין, און די פרויען, וואָס האָבען די צודעק (פרוכת) געוועבט האָבען ביי יעדען פאָ־דעם די גרויסע לעהרע פון צניעות געלערנט, זיך איינגע'חזר'ט און געדענקט.

בעהאַרציגט האָבען דאָס אונזערע מוטערס און אויך זיך חשוב געהאַלטען און נישט לייכטזיניג זיך פריי אָפגעגעבען פאַר אַלעמענס אויגען.

איך פראָפאָניר אייך דערפאַר : נעהמט אויסשטיקען אַ פרוכת פאַר'ן ענטבלויז־טען אָרון. און בשעת דער אַרבייט, זאָלט איהר אייך און אייער סביבה אין דעם סימבאָל פון פרוכת דערמאָנען און שטיל אַ תפלה זאָגען :

זאָלען אויך אונזערע שוועסטער זיך פרוכת'דיג קליידען. קוקט נישט אויף דער נאַרישער פערפ־הרערישער מאָדע. לאָזט נישט פערשוועכען אייערע עסטע־טישע געפיהלען מיט'ן נאָכשטופען דעם וואָגען פון דער הפקרות'דיגער הלבשה. שאַפט זיך מוט און שטאָלץ פון אונזער פערגאַנגענהייט, ווען מען האָט אַזוי שטאַרק אָפגעהיטען דאָס צניעות און שאַפט פאַר זיך אַנ'אייגענע מאָדע, אַ יודישע, אַ מאָראַלישע, אַ פרוכת'דיגע...

און ווען דער פרייער, אויסגעלאַסע־נער דרויסען וועט אייך אויסלאַכען און אייך ס'בלוט פערגיסען, מאַכט אייך נישט דערפון. פאַלט נישט אַראָפּ ביי אייך. זייט וויסען, אַז אַזוי ווי דער כהן גדול האָט געשפרענגט דאָס בלוט פון די קרבנות אויף דעם פרוכת האָט עס מכפר געווען.



אויפ'ן באַלקאָן פון ישיבה־בנין
דאָס פרעזידיום.

אַזוי וועט דער שפיכת דמים וואָס איהר וועט אין די ערשטע צייטען האָבען, געשפרענגט ווערען אויף אייער פרוכת און ס'וועט מכפר זיין אויף אייערע שווערע זינד . . .

אויב איהר האָט שוין יאָ אַזאַ גייסטיג פערמעגען : אַ מי־ניאַטור פון בית המקדש, וואָס איז ביי אייך דאָס טייערסטע און אויף וועמענס חורבן אוהר פערגיסט אַזויפיל טרעהרען, טאָ זאָלט איהר נישט זיין, ווי יענע בלינדע גאַנז. וואָס לאָזט פון זיך די פעדערן אָפפליקען און ענטפלעקט. איהר הויט מיט דער גאַנצער דרייסטקייט...

בנות ישראל ! האָט מיטגעפיהל מיט אונזער פערשעהמטער און פערלאָזטער מאָראַל, מיט אונזער צערטרעטענער צניעות און וועבט פרוכת'ן פאַר אייך. אַזוי אַרום וועלען מיר זוכה זיין אַז איהר זאָלט בקרוב וועבען דאָס פרוכת פון בית המקדש. —

אויפ'ן וועג פון לובלין אַ היים.

# פערגרעסערט די צאָהל אַבאָנענטען

# פון בית-יעקב-זשורנאל



בית יעקב-לודז/גליון/שנה ז/גליון 056 a הודפס מתוך הארכיון היהודי
עמוד 4 מתוך 18

# דינסטאג און מיטוואך

געהערט: יח״ל. געשמועסט: יח״ל. געשריבען יח״ל. דאָך — פרעמד און טויט פאר מיר דער דאָזיגער בעגריף.

ערשט ווען איך ריהר אָן ממש מיט אייגענע הענט דעם קאַלטען, הארטען שטיין, ווערט לעבעדיג אין מיר: יח״ל.

* *

דערציילט די געשיכטע א* וועג:

פון ר׳ יעקב פאָלאק ביז צום חוזה.

פון געשליפענעם מוח און שארפען פלפול ביז זעהעוודיגקייט מיט׳ן „אור הגנוז״ פונ׳ם חסידות.

און דיין וועג, הייליגע ישיבה, וואוהין גייט ער?

צי צוריק צו ר׳ יעקב פאָלאק צי פונ׳ם חוזה און ווייטער? — — —

תּלמידים אמפערן זיך ביי א פשט׳ל מיט האָר־שפּאַלטענדיגע סברות.

תּלמידים זינגען אַ שטי־לען ניגון מיט אַ שטייגענ־דיג התלהבות. הענד פלעכ־טען זיך צונויף און אַלע צוזאַמען געהען אַ רקודה...

*

אַ קאָרעספּאָנדענט פון וואַרשא פרעגט:

צו וואָס אַרייַנברענגען דעם גאַנצען אייראָפּעאיזם אין אַ יודישען בנין?

אַ שוואַרץ - ווייסע פאָהן הענגט אַראָפּ פון באַלקאָן.

דער וואָיעוואָדע שניידט איבער דעם באַנד ביים אַרייַנגאַנגס-טויער.

די ב׳יערוגג ווערט אויפ־גענומען אויף דער פילם־לענטע. און אין דעם הויז גופא: עלעקטריציטעט, צענטראַל-בע־הייצונג, מאָדערנער טרעפּ-און קאָרידאָרען סיסטעם א. אַ. וו.

צו וואָס אַרייַנברענגען דעם גאַנצען אייראָפּעאיזם אין אַ יודישען בנין?

דערצייל איך איהם:

מען האָט אַמאָל געפרעגט דעם תּניא: מ׳האָט צו טרינקען בראָנפען און מעריב צו דאַווענען, וועלכעס טוט מען צוערשט?

— מען טרינקט דעם בראָנפען — האָט געענטפערט דער תּניא. זאָל דער בראָנפען אויך דאַווענען מעריב...

* * *

און ס׳זאָגט דער רב פון לובלין צו זיין בת-יחידה, דער ישיבה.

„שאי עיניך וראי — בניך מרחוק יבואו״, הייב אויף די אויגען דיינע און זעה — אָט קומען־אָן דיינע קינדער פונדער־ווייטענס!

און גליקליך בין איך, וואָס איך קען אויספיהרען די צוויי־טע העלפט פונ׳ם פסוק:

„ובנותיך על צד תאמנה״ — און אין דער זייט ווערען דיינע קינדער ערצויגען.

איך רעד פאַר די לובלינער בנות. די פרייד פון דערפול־טען ערציהונגס - אידעאַל איז דערגאַנצט — — — — — — — —

אַ בעקאַנטער דייטשער מאָלער זאָגט צו מיר אַ בעגייסטער־טער און אַ פערוואונדערטער:

זייער שיינקייט איז ווי דורכגעלויכטען פון אינעווייניג.



דער לובלינע־ רב מיט די תּלמידים
פון „ישיבת חכמי לובלין״

ארכיון תשובות

דער דינער פון ווענוס בויגט אָן דעם קאָפּ פאַר דיר, יודי־שע שולמית!

איהר האָט דעם זוכער פון פאָרם, דעם גערמאַנישען תּלמיד פון העלענישען קערפּער-קולט בעצויבערט מיט׳ן אינערליכען ליכט פון יודישקייט, איהר טעכטער פון לובלין!

ווייל איהר זענט ווי אָט דער בלויער סאַן-אָוועגד אין גאָרטען, וואָס זאָגט... און דערזאָגט נישט... און זאָגט אַזויפיל צו...

איהר טעכטער פון לובלין!

* * *

מיטוואָך.

דער ערשטער שיעור אין דער ישיבה פון די חכמי לובלין.

געטאָקטע, יום-טוב׳דיגע ווערטער פונ׳ם „מויל, וואָס שיט פערל״: דער רב פון לובלין לערענט די משנה אין יומא אין גרויסען געפּאַקטען זאַל.

נעכטען איז געווען די חנוכּת-הבית. היינט איז די צווייטע גרונדשטיין-לייגונג פונ׳ם שיעור, וואָס וועט שוין דאָ קיינמאָל נישט אויפהערען. — — —

ניין.

דאָס איז נישט דער ער־שטער שיעור.

כ׳הער נאָך (און אַ ציטער נעמט מיך דורך) דאָס היגע, וועלט - קלינגענדע קול פון תּורה, וואָס די מערדערישע פויסט האָט עס צוריק מיט הונדערטער יאָהרען דערשטיקט אין מיטען אַ מימרא.

און איצט לערנט מען נאָך ווייטער די זעלבע מימרא.

דער שנור פון דורות קניפּט זיך אָן. זי האָט געבלוטיגט ביים איבעררייסען. איצט ביים צונויפבינדען איז די וואונד ווי ניי און דער ווייטיג לעבט אויף.

דורות רעדען. עס שווידערט. פיהלען עס די אַלע דאָ?...

זיכער אָבער פיהלט עס די אַלטע יודינע, וואָס שטייט ביי אַ טיר אין דער זייט און וויינט אַריין מיט באַכען טרעהרען אין פאַרגעלטען סידור.

* * *

מהר״ם ז״ל: און דו וועסט זיצען אויף דער שטוהל פון אַלע גרויסע און דער שטאָט לובלין.

מהר״ם שליט״א: נאָר ווייניג איז עס, רבי.

מהר״ם ז״ל: און כח אין דער הייליגער תּורה צו דער־גרונטעווען די טיפסטע הלכה און צו בעשטייגען די העכסטע סברה.

מהר״ם שליט״א: נאַך ווייניג, רבי.

מהר״ם ז״ל: און אַ גרויסע יודישע קהלה צו פיהרען זי אויפ׳ן וועג פון הייליגקייט און שלום.

מהר״ם שליט״א: נאָך ווייניג, רבי.

מהר״ם ז״ל און כשר׳ע יודישע קינדער, גוטע תּלמידים, ליב צו האָבען מיט׳ן גאַנצען האַרץ און תּורה צו לערנען און אין אמת׳ן וועג צו פיהרען צום גרויסען יודישען עתיד.

מהר״ם שליט״א: אַ דאַנק, אַ דאַנק, אַ דאַנק, הייליגער רבי.

**ש. נאַדלער.**

לובלין, כ״ח און כ״ט סיון, תר״ץ.

# „בית המקדש אין מיניאטור...“

(איינדריקעז פון דער פייערליכער ערעפנונג פון „ישיבת חכמי לובלין”)

פון בן־איש

עס איז שוין בעקאנט וועגען דער נייעסטער אטראקציע פון „ישיבת חכמי לובלין”. דאָס אויספערטיגען דאָס ערשטע מאָל אין דער יודישער גלות־געשיכטע אַ וואונדערבאר שענעס, בית המקדש-מאָדעל אין מיניאַטור.

איז עס טאַקי געווען דאָס ליבלינג פון דעם צעהנדליגער טויזענדער מענשען וואָס איז געקומען בייוואוינען די ישיבה-פייערליכקייטען אין לובלין, און מ'האָט זיך געשטופט אין די לאַנגרייהיגע „אָגאָנקעס” אין ישיבה־קאָרידאָר און אונטען אויפ'ן הויף, בכדי צו קענען זעהן כאָטש א מיניאַטור פון יענעם יודישען שאַצבאַרען בנין, אויף וועלכען די גמרא זאָגט: „ווער עס האָט דעם בנין נישט געזעהן, האָט נאָך קיינמאָל אין זיין לעבען קיין שענעם בנין נישט געזעהן”.

הארכיון היהודי

און ווער עס האָט זיך צוגעקוקט פון דערווייטענס ווי יודען שטופען זיך מיט אַזאַ אימפעט, צו אָט דעם „בית המקדש איןמיניאַטור”, ווי די בעוועגליכע מענשען-רייהעס דרעהען זיך כסדר. שוין איצט, ווען די שורות ווערען געשריבען—העכער דרייסיג שעה אָהן אויפהער, כדי וואָס מעהר זיך אָנצוזעטיגען דאָס אויג מיט די פערשידענע אויגענשווינדלערישע איינצעלהייטען פון דעם גאַנצען הר הבית-פערנעם, ווי עס איז יעדען אַ שאָד אַוועקצוגעהן, נאָר ער וואָלט גערן דאָ געשטאַנען כאָטש א 5—6 שעה מיט אַ משניות „מדות” אין דער האַנד, אויפ'ן אָרט אדורכצושטודירען די גאַנצע אומגעבונג און אינערליכע איינריכטונגען פון בית המקדש; בלויז די אָרדנערס, וואָס שטערען דיר. און דערמאָנען אז אין דרויסען וואַרטען נאָך טויזענדער נייגעריגע אויף אָט דעם בליק אריינצוכאַפען — ווען מען האָט זיך פון דער זייט אַזוי צוגעקוקט צו אָט דעם אַלעם, ווי אויך צו יענעם זאַגאָראָווער יודעל, וועלכער איז געשטאַנען אין אַ ווינקעל פון זאַל און געקוואָלען פון זיין בעוואונדערס-ווערטען ווערק, ערטיילענדיג גערן אינפאָרמאַציעס יעדען וואָס האָט געפרעגט—דאַמאָלס האָט דאָס גאַנצע מאַלערישע בילד, נישט בלויז דער מעטאַלענער „בית המקדש מאָדעל”, נאָר אַלץ, אַלץ, די מענשען, זייער התלהבות, די גלאַנציגע אויגען, דאָס התפעלות, דאָס דרענגען זיך נאָך אַ בליק, אלץ, אַלץ, האָט מיך זיך פאָרגעשטעלט אַ „בית המקדש אין מיניאַטור”..

אַזוי האָט עס אויך געמוזט אויסזעהן אי אָריגינעלען בית המקדש, ווען מ'האָט אום יום טוב פערשאַרט דעם פאָרהאַנג פאַר די מיליאָנען-מאַסען עולי רגלים אין ירושלים, און זיי געוויזען דעם „שולחן” מיט'ן „לחם הפנים”, זאָגענדיג דערביי: זעהט אייער ליבשאַפט ביים אויבערשטען...

פונקט אַזוי אין אַ פערגרעסערטען פאָרמאַט, האָט עס דעמאָלט געמוזט אויסזעהן. דאָסזעלבע דרענגעניש און שטופעניש נאָך אַ „בליק”. דאָס זעלבע התלהבות און התפעלות, דיזעלבע גלאַנציגע אויגען און פלאַטערדיגע הערצער...

האָבען מיר נישט געהאַט אין לובלין אַ „בית המקדש אין מיניאַטור ?...

* * *

און נישט בלויז דאָ אַרום דעם „בית המקדש מאָדעל” האָט עס אַזוי אויסגעזעהן, נאָר אָנהויבענדיג באַלד ביים פאָהרען קיין לובלין, וואו אויף אַלע פוילישע וועגען זענען געלאָפען באַהנען און אויטאָמאָבילען, און געפיהרט אין זיך „מארבע כנפות” פלאַטערדיגע הערצער מיט בענקענדיגע נשמות צום „אויסדערוועהלטען הויז” פון אַמאָליגען „ירושלים דפולין”; מיט וואָסער שמחה און התלהבות, געזאַנגען און לידער די „אויפגעהענדע”. האָבען זיי מארשירט צו דער „אויסדערוועהלטער שטאָדט”, פערהילכענדיג מיט זייערע פרייד־יובעלן די פערביילויפענדיגע פעלדער און וועלדער, סעדער און גערטנער; ווי גאַנץ לובלין האָט זיך אויף אַ טאָג „אָפּגעשטעלט”, בעגריסענדיג מיט ריזיגע פלאַקאַטען און דעקאָראַציעס די געסט, — האָט עס דען נישט דערמאָנט אין די פערצייטיגע „עולי רגל” קיין ירושלים?



דער לובלינער רב צוזאַמען מיט'ן ארכיטעקט ה' ווינטרויב קאָנטראָלירען די ריכטיגקייט פון בית־המקדש־מאָדעל (דער רב מיט א משניות מדות אין דער האַנד)

אַזוי האָט עס געמוזט אויסזעהן בשעת'ן בכורים ברענגען קיין ירושלים, ווען מ'האָט אָנגעהויבען צו מאַרשירען אין געשלאָסענע רייהען מיט די פרייד־אויסרופען „קומו' לאָמיר אויפגעהן אין ג—ט'ס הויז”! און פערענדיגט יובעלענדיג: „אָט שטעהן שוין אונזערע פיס ביי דיינע טויערען, ירושלים”!

אויפ'ן זעלבען אופן האַבען זיי אויך געמוזט בעגריסט ווערען פון די ירושלים'ער איינוואוינער, וועלכע האָבען „אָבגעשטעלט זייער ארבייט צו בעגריסען די געסט” (מסכת ביכורים).

אַ „בית המקדש אין מיניאַטור”...

* * *

און ווי אַ „בית המקדש אין מיניאַטור”, האָט עס אויסגעזעהן די גאַנצע מענשען-מאַסע בעת דער פייערליכער ערעפנונג, אויפ'ן ריזיגען הויף, און דעם גאַנצען שטח אויפ'ן גאַס, באַלקאָנען און דעכער אַרום. וועלכע האָבען זיך געטונקט אין אַ ים פון קעפּ, און ווי די כוואַליעס פון אַ שטורמענדען ים—צעבראָזטע הערצער.

נאָר אין דער „עזרה” אין בית המקדש, ווען אַלע יודען האָבען זיך פערזאַמעלט „שעכטען זייערע פסחים” האָט עס געקענט אזוי אויסזעהן.

און ווען די צעהנדליגער טויזענדער מאַסען זענען געוואָרען ווי עלעקטריזירט, שטיל. ווי זיי וואָלטען דעם אייגענעם אָטעם פערלוירען. בעת דער טשאָרטקאָווער רבי האָט אָנגעהויבען: „דער היינטיגער טאָג איז פון ג—ט, דעריבער פרעהען מיר זיך מיט איהם”, און דערנאָך דער גערער רבי: „דאָס איז ג—ט'ס טויער, צדיקים וועלען אריינקומען אַהער” — האָט עס אַזוי געמוזט אויסזעהן, ווען יודען האָבען געקניהט און געפאַלען מיט די פנים'ער

(סוף אויף זייט 16)

ארכיון אסופות



בית יעקב-לודז/גליון/שנה ז/גליון 056 a הודפס מתוך הארכיון היהודי

# בית יעקב אלס א וועלט בעוועגונג

פון הרב טובי' הורוויץ

# פון קאַטערזשינקא גאַס ביז קעמברידזש סקווער

ווען די היסטאָריש-בעריהמט געוואָרענע פרוי שרה שענירער האָט אין יאָהר תרע"ז געמאַכט דעם ערשטען עקספּערימענט מיט דער גרינדונג פון אַ „בית-יעקב"-קורס פאַר יודישע שול-מיידלעך אין קראָקא אויף דער קאַטערזשינקא גאַס, האָט זי זיכער ביים בעסטען אָפּטימיזם נישט געחלומ'ט, אַז שוין נאָך 13 יאָהר וועט „בית יעקב" זיין אַ וועלט-בעוועגונג פון אַ גרויסען פערנעם. אַז שוין אין סיון תר"ץ וועט



הרב טובי' הורוויץ

ארכיון אסופות

הארכיון היהודי

איהר אידעאַל זיין אַ טעמאַ אויף איינצואָרדנען אַ ספּעציעלען אָוועגד אינ'ם האַרץ פון לאָנדאָנער אַריסטאָקראַטישען קוואַרטאַל אויף קעמברידזש-סקווער, אין איינעם פון די פּאָרנעמסטע הייזער פון דער ענגליש-יודישער געזעלשאַפט. און דאָך איז עס געשעה.

ערשט מיט עטליכע טעג צוריק האָט דאָס בית יעקב-פּראָבלעם בעשעפטיגט די לאָנדאָנער יודישע אַריסטאָקראַטיע. די גרעסטע רבנישע, געלעהרטע און אַדעליגסטע פּערזענליכקייטען פונ'ם ענגלישען יודענטום, האָבען זיך פערזאַמעלט אין הויז פון סער מאיר און ליידי ספּילמאַן און אָט הערט, וואָס הרב הכולל ד"ר הערץ האָט ביי דער געלעגענהייט געזאָגט: „איך האָב נאָך אין מיין לעבען נישט געוואוסט פון א בעוועגונג, וואָס זאָל זיין הייליגער און וויכטיגער ווי בית יעקב. מען מוז אונזערע שוועסטער, וואָס זענען איצט אויסגעזעצט בייצושטעהן אַזויפיל נסיונות, העלפען און זייער איצטיגער רעטונג איז — בית יעקב! חכם ד"ר גאַסטער זעהט אין דער „בית יעקב"-בעוועגונג: „די פראַגע פון אַלע פראַגען פון דער צוקונפט* פון מזרח-יודענטום. דער מדרש זאָגט ביי גאולת מצרים: „בשכר נשים צדקניות נגאלנו" ווי אַזוי קענען מיר האָפען אויף אַ גאולה פון דער היינטיגער יודישער קנעכטשאַפט, אַז מיר האָבען נישט קיין נשים צדקניות? בית יעקב זאָל אונז צוריק געבען די פליכט-געטרייע יודישע פרוי. עס איז קיין בעסערער געלעגענהייט פאַר'ן ענגלישען קאָנסערוואַטיווען יודענטום נישטאָ גוטע אַרבייט צו טהון לויט דעם ענגליש-יודישען אידעאַל, ווי צו העלפען „בית יעקב".

ד"ר הערבערט אַדלער זעהט אין בית יעקב דאָס העכסטע אידעאַל צו ערציהען יודישע מוטערס פאַר'ן קינפטיגען יודישען דור. ה' ערנסט שיף זאָגט: „עס איז נישט פערהאַן קיין בעסערער פרויען-שוץ ווי ערציהען די יודישע מיידלעך פון קינדהייט אָן אין רעליגיעזען גייסט ווי דאָס טהוט בית יעקב".

נאָך קיינמאָל איז נישט געווען אַזוי נייטיג אַזאַ בית יעקב-ווערק ווי גראָד אין דער היינטיגער צייט. ווען דאָס ענגלישע יודענטום וועט פערשטעהן זיין פליכט לגבי דער בית יעקב-בעוועגונג, וועט זי קענען עקזיסטירען".

אָט ווי ווייט אין ... די אידעאַלען פון שרה שענירער האָבען זיך פערברייטערט אויף דער גרויסער יודישער וועלט.

מיט בית יעקב איז אַ וואונדער געשעהן. ווער האָט עס געקענט אהנען, אַז אזוי שנעל וועט זיך אַזאַ שטילע און בעשיידענע אונטערנעהמונג שאַפען אזויפיל סימפּאַטיע און אָנערקענונג ביים גאַנצען וועלט-יודענטום?

דער אינערליכער ערפאָלג פון דער אַרבייט גופא איז אויך אַ זעלטענע ערשיינונג. מען קען עס אָבער שוין גיכער בעגרייפען. דאָס פערנאַכלעסיגען דעם חינוך הבנות האָט געשאַפען אַזאַ מצב, אַז יעדער איידעלער מענש, דערזעהענדיג דעם פּועל-יוצא דערפון האָט זיך אָנגעכאַפּט אין בית יעקב, ווי אין לעצטען רעטונגס-שיפעל פון דער זינקענדיגער שיף פון דער יודישער ווייבליכער יוגענד אין מזרח.

אמת וואונדערליך איז אָבער דער אויסערליכער ערפאָלג. דער פאַקט, אַז בית יעקב איז איבער נאַכט געוואָרען אַ וועלט-בעוועגונג אינ'ם יודענטום פון דער גאַנצער וועלט. מיר לעבען דאָך איצט אין אַ צייט פון שרעקליכען בלבול-המוחות אַזוי, אַז אַלע פּוסטע חלומות און ווילדעסטע אויסטראַכטענישען מיט די ערגסטע רעזולטאַטען געפינען אויף דער גאַס מֵהר אָפּקלאַנג, ווי די אידעאַלע און בעסטע ערנסטע אונטערנעהמונגען. אין אָט דער צייט איז באמת נישט צו בעגרייפען ווי אַזוי אונזער ערליכע און בעשיידענע בית יעקב-אַרבייט, האָט אַזוי שנעל אויך דעם גרעסטען אויסערליכען ערפאָלג דערגרייכט.

דער שרייבער פון די שורות, וועלכער האָט געהאַט דאָס גליק צו זיין איינער פון די הויפּט-שליחים, וואָס האָבען די בית יעקב-בעוועגונג דערהויבען פון אַ פּראָווינצער שול-ווינקעל ביז צו אַ וועלט-בעוועגונג, מוז עס זאָגען, אַז דאָ האָט מען געזעהן אַן אמת'ע סיעתא דשמיא, וואָס עס פערדינט טאַקי נאָר אַזאַ הייליגע אַ-בייט ווי בית יעקב.

עס איז איצט נאָך נישט קיין גאַנצע דריי יאָהר, ווען איך בין געזעסען אין גאָרטען פון דער בית יעקב-קאָלאָניע אין יאָרדאַנאָוו אין געזעלשאַפט פון אונזער בעליבטען דירעקטאָר ה' ד"ר דייטשלענדער, וועלכער האָט נאָך פרוי שענירער דעם גרעסטען פערדינסט פאַר דעם ערפאָלג פון דער בית יעקב בעוועגונג און פון מיין פריינד ה. פרידמאַן, וועלכער האָט אויך זיינס אַ גרויסען חותם געלעגט אויף דער גאַנצער בית יעקב-בעוועגונג, און מיר האָבען ערנסטליך געטראַכט ווי אַזוי מיר וועלען זיך קענען צושלאָגען צו דער אָנערקענונג, וואָס אונזער יונגע בית יעקב-בעוועגונג פערדינט און ווי אזוי וועלען מיר האָבען געלד צו פערווירקליכען אַלע אונזערע פּלענער? מיר זענען איבעראַל אַזוי פערהאַסט. אלע טהירען זענען פאַר אונז פערמאַכט. און איבעראַל הערען מיר דאָס וואָרט „אגודה-ניקעס". און מיר אָרימע אָרטאָדאָקסען, קענען נישט אָדער ווילען נישט קענען, אַליין דאָס גרויסע ווערק פינאַנסירען. ווי ריהרט מע זיך אַמאָל פון פּלאַץ?

דער גורל איז געפאַלען אויף מיר! דאָך שוין אַ שטיקעל וועלט-מענש, בין איך געוואָרען דער „נחשון בן עמינדב" פון דער בית יעקב-בעוועגונג, אַריינגעשפּרינגען איינער אַליין אין ים פון דער גרויסער וועלט זוכען סימפּאַטיעס און געלד פאַר דער בית יעקב בעוועגונג. מיינע פריינד האָבען זיך צו מיין אָנבאָט בעצויגען סקעפּטיש און איך אַליין בין אינעווייניג געווען פול מיט ספקות. איך האָב מיר געשאַפען מוט און געזאָגט: איך פאָהר! מיינע פריינד האָבען מסכים געווען. און אויב אין לאָנדאָן ניו-יאָרק, פּאַריז, בערלין, ציריך, אַמסטערדאַם זענען גע-





בית יעקב-לודז/גליון/שנה ז/גליון 056 a הודפס מתוך הארכיון היהודי

גרויסען זיידען, זיין הייליג וואָרט צו זאָגען און מיט א שייכות אין זיין נאָמען צו אַלע פעלקער פון דער וועלט צו שיקען.

עס איז אַהערגעקומען פון זיין רוהה אין קבר דער זיידע יעקב, דער ישראל סבא, אַקעגען דעם בארג צו רוהען, נחת פון זיינע אייניקלעך צו שעפּען. מיט א פערבענקט הארץ און שטילע צניעות'דיגע טריט שלייכט זיך צום זעלבען אָרט דאָס באָבע־אייניקעל צו. און ווען זי הערט דעם מעקלער רעדען אין ג—טס נאָמען, שטרענג צו די מענער און ווייך צו די פרויען, שמייכעלט זי שטיל אין זיך, די פּנים לעבען אויסגעשטודירטע באָבע, און שעפּטשעט צו זיך: שאַדט נישט, שאַדט נישט! צו יעקב'ס א שטאַמלינג מעג מען הארט אויך רעדען. מעג שוין עמיצער מיין אויסגעטריקענטען קערפּער מיט ריטער שנייסען און מיט אייזערנע ווידלעס רייסען, וועל איך אויך פון דעם בארג נישט אַוועק און פון זיין אָרט נישט אָפּטרעטען.

•

און ווען אויך מיט יאָהרען שפּעטער ביי א אייגענער שטאַאַטס־פיהרונג, עס מזכט זיך עפּעס א פּאָליטישער שריט צווישען איהרע אור־אייניקלעך. א פערעטער האָט זיך צווישען זיי צריינגעכאַפּט און עס דראָהט קלעמען צוליב איהם א לעבענס־געפאַהר. ערשיינט זי תיכף אויפ'ן אָרט מיט איהרע קלוגע דיפּלאָמאטישע רייד, פּאַכט זיך מענער מוכה דעם שלעכטען אבער שנעל פון אָרגאַניזם אויסצושניידען און דעם גאַנצען קערפּער אָפּצוראטעווען. אָפּשניידענדיג דעם קאָפּ פון רשע־פערעטער, ראַטעוועט זי דאָס לעבען פון דער גאַנצער שטאָט. (שמואל ב' כ')

•

און דערפאַר לעבט זי טאקע אייביג די דאָזיגע מערקווירדיגע יודישע פרוי. די, וועלכע העלפט אין א גלייכער מאָס מיטטראָגען דעם גורל פון איהר פאָלק, אין דער פערגאַנגענהייט, נעגענוואַרט און צוקונפט.

שטענדיג ערשיינט זי צווישען איהרע און קינדער, צו דער ריכטיגער צייט, אויפ'ן ריכטיגען אָרט ביים מינטרויערען זייערע לײדען און מיטפרעהען זייערע פריידען; ביים מיטזאָרגען וועגען דער צוקונפט פונ'ם צוגערויבטען קינד, און ביי דער דערקוויקונגס־בשורה פון זיין צוריקגעפינען; ביים בויגען דעם קאָפּ פאר דער שוועל פון גלות־טויער און ביים דערמאָנען די פערגעסענע גלות־שפּראַך; ביים ארויסציהען די ביינער פון אַ יעקב־שטאַמלינג פון פרעמדע וואַסערן און ביים אומפערמיידלכען איזאָלירען א רשע־קאָפּ פון א יודישער כוח.

ארכיון אסופות

•

יאָ, זי לעבט אייביג, דאָס לעגענדאַרע אייניקעל פון איהר באָבע. נאָך היינט קענט איהר טרעפען דעם הויך פון איהר גייסט, ווי ער שפּאַרט אַרויס פון אַ בתי' קינד, בית יעקב־תלמידה, אגודת ישראל־טאָכטער און פרומע יודישע פרוי.

ל. שיף.

## לויב־געזאַנג

האָסטו אויגען אַזעלכע שוואַרץ־טיפע און פרומע,<br>
ווי דער גלויבען און כשוף דער באָבעס;<br>
און צאַרטע אַזעלכע הענד, ווי בעשאַפען<br>
צו בענשען נאָר ליכטעלעך אויף שבת.

ביזט פשוט, ווי אַ דינסט, און אַ קעניגין, געקרוינט<br>
מיט דער שיין פון רחמים, דער גוטער —<br>
אין דיר, כשר'ע יודישע טאָכטער, וואוינט<br>
א — הייליגע מוטער!

גלי.ע, 25 מאי 1930.

מוניע נ—ר.

# לידער

פון **מרים אוליבאָווער**

## דאָס יחוס־בריוועלע.

ווען כ'האָב פון ליבען שטעטעלע<br>
פערטרויערט זיך געשיידט,<br>
האָט מיר דער זיידע ביז צום טייך<br>
געגעבען דאָס בעגלייט;

די פריהלינגס־זון האָט אויפגעשיינט,<br>
דער הימעל־זיך צעבלויט,<br>
דער זיידע האָט ביים שייד־וועג מיר<br>
אַ בריוועל אָנגעטרויט.

פערלוירען האָב איך איהם, דעם בריף,<br>
און גען אַרום פערקלעמט:<br>
אַ שפּאַס—אַזוי יחוס־בר וועלע<br>
צו בלייבען אין דער פרעמד!

ווער ווייס, צי ס'ליגט נישט ערגעץ דאָרט<br>
מיט זאַמד און שטויב בעדעקט,<br>
צי זענען מיינע אָבות נישט<br>
געוואָרען אויסגעמעקט...

די פריהלינגס־זון האָט שטיל און מילד<br>
קיין מערב זיך גערוקט,—

עס וואַקסט, עס שטייגט מיין בענקעניש,<br>
כ'גען שיעור פאַר צער נישט אויס—<br>
וואו איז דאָס יחוס־בריוועלע<br>
פון אונזער אַלטען הויז?

## די אַלטע זאַג.

אונזער קעכין שרייט און רודערט,<br>
ליאַרעמט, ווילדעוועט און רעשט—<br>
עמיץ האָט איהר פוטער־קוכען<br>
פון דער פאַן אַרויסגענאַשט.

קוקט מיך אָן מיין באָבע־לעבען<br>
מיט דעם מילדען אויגען־גלאַנץ:<br>
„איינגערעגענט וועט דיר ווערען,<br>
טאָכטערשי, דיין חופה־קראַנץ!"

און ווען מ'האָט געפיהרט מיך – כלה –<br>
צו דער חופה מיט מיין פריינד,<br>
האָבען מענשען שטיל געשמייכעלט,<br>
אָבער וואָלקענס שטאַרק געוויינט...

נאָר איך בין דיר רעגען, מוחל:<br>
אין דעם גרויסען חופה־טאָג<br>
נישט פערשעמט געטאָרט האָט ווערען<br>
מיר מיין באָבעס אַלטע זאָג.



בית יעקב-לודז/גליון/שנה ז/גליון 056 a הודפס מתוך הארכיון היהודי

# געשיכטע פון דער וועלט=ליטעראטור

קורצער איבערבליק און מוסטערן. (נאָכדרוק פערבאָטען) פון שמואל נאַדלער

## די אינדישע ליטעראַטור.

די אַריער, פון וועלכע ס'שטאַמען אויך אָפּ די אייראָפּעאישע פעלקער, האָבען בעוואוינט דעם גרעסטען טייל פון מיטעל־אַזיען פון אַרם ביז הינדאָסטאָן. בערך פיער טויזענט יאָהר צוריק האָבען זיי אָנגעטראָפען אין זייערע וואנדערונגען אויף די לענדער ביים גאַנגעס און אין זיי אנ'אַלט איינגעזע־סען פאָלק מיט אַ הויכער קולטור. דאָס פאָלק, וואָס איז ארויס געקומען פון די ביידע רופט מען הינדוסען. דאָס עלטסטע לשון זייערס איז געווען דער ס א נ ס ק ר י ט, וועלכער איז לכתחלה געווען אַ לעבעדיגע שפּראַך, דערנאָך איז ער געבליבען נאָר אין דער ליטעראַטור.

אלס דער ערשטער יסוד, דער ספר הספרים, ווערט בע־טראכט די ו ע ד א. זי איז געשאַפען געוואָרען אין דער תקופה פון 1500 ביז 500 יאָהר פאַר דער אייראָפּעאישער צייט־רעכנונג און ענטהאַלט פיער טיילען, פון וועלכע די וויכטיגסטע און עלטסטע איז די ריגוועדאַ. ווי אין א רוהיגען שפּיגעל שלאָגט זיך אָפּ אין דער וועדאַ דאָס לעבען און טוען פון דער אינדישער אורצייט, איהרע מנהגים און כאַראַקטער, די ליידען און פריידען פון יחיד און די געזעלשאפטליכע בעציהונגען. זי איז דער אוצר פונ'ם פאָלק פון זיין פיהלען און דענקען. זי איז אויך זיין רעליגיעזער אַני־מאמין, דער אויסדרוק פון זיין מורא און כבוד פאַר דער וואונדערליכער און מעכטיגער, שטור־מישער און פראַכטפולער נאַטור פון אויבער־אינדיען, וועמענס כוחות ער פלעגט זיך אויסמאָלען אלס בעוואוסטזיניגע געטער. די בעדייטענדסטע פון זיי זענען: אינדרא — די באַפרוכפערדי־גע זון; אגני — דאָס ערדישע פייער און דער ריינער הימלי־שער — ווארונאַ. מען פיהלט אויך אַרויס פון די וועדאַ־ספרים די נאָהנטקייט און דעם געבענשטען איינפלוס פון דער נאַטור.

די ווייטערדיגע ענטוויקלונג פון דער אינדישער פילאָ־זאָפיע איז געגאַנגען אויף דער ליניע פון דעמאַטעריאַליזאַציע און ווייל די געטער זענען דאָך געווען סימבאָלען פון דער פי־זישער וועלט, האָט ממילא דאָס פערלייקענען פון דער מאַטעריע געפיהרט צו אטעאיזם. דער דאָזיגער גייסט הערשט אין דער ס אַ נ ק י א און אין דער י אָ ג אַ. זיי בעקעמפען די אָפיציע־לע רעליגיע און זעהען דעם ציל אין דער פערפולקאָמונג פונ'ם מענש, פון זיין נשמה. צו דעם צוועק דאַרף ער זיך דערווייטערן פון דער וועלט, אָפּזאָגען זיך פון איה־ע תענוגים, פער־שטאַרקען דעם גייסט דורך קאָנצענטרירטע קאָנטעמפלאַציע און אָטעם־איבונגען.

פון די דאָזיגע צוויי קוואַלען שטאמט דער ב ו ד ד י ז ם, וועלכער ווארפט אָבער אָפּ די סגופים, אסצעזע. בודא (דער בעלויכטענער, סאַנסקר.) האָט געלערנט; 1) דאָס לעבען איז ליידען. 2) דער מקור פון ליידען זענען די תאוות. 3) בעקעמ־פען דאָס ליידען קען מען נאָר דורך אָפּזאָגען זיך פון די תאוות. 4) דער וועג דערצו פיהרט דורך אמונה, גערעכטען גע־דאַנק, דבור און מהאַט, פערטיפען זיך אין זיך. 5) דער ציל איז דאָס אויפהערען צו זיין און ממילא צו ליידען, דער אויס־לאָז, נירוואַנאַ. דער בודדיזם האָט זיך שנעל פערשפּרייט אין אַזיען און ציילט היינט ביז אַ האַלבען מיליאַרד אָנהענגער, בערך א דריטעל מענשהייט.

אויף דער העכסטער פּאָעטישער מדרגה האָט זיך די אינ־דישע שאַפונג דערהויבען אין די צוויי ריזיגע עפּאָפּייען; **מאַ־האַבהאַראַטאַ און ראַמאַיאַנאַ.** אין דער ערשטער, וואָס איז אַ זאמלונג פון עפּישע פראַגמענטען ווערט דערציילט פון דער מלחמה צווישען בהאַראַטאַ'ס קינדער, די דינאַסטיעס קורו און פּאַנדו. די אינטערעסאנטסטע קאַפּיטלען זענען די דריי: נאַל און דאַמאַיאַנטי, געשיכטע פון סאַוויטרא און דער שמועס פון די געטער. די ראַמאַיאַנא שילדערט דעם קאַמף פון דעם זוני־גען העלד ראמא מיט די פריהערדיגע בעוואוינער פון ציילאָן (די אַזוי־גערופענע דראַווידען) די טונקעל־הויטיגע. אָבער אַנ־דערש איז די דאָזיגע מלחמה פון דער בהאַראַטישער. דאָ ווערט נישט געלויבט די קראַפט און די ווילדע גבורה. דאָ ווערט בעזונגען גלויבען און בטחון, פרומקייט און בעשיידענקייט, רע־זיגנאַציע און גאָטס־פאָרכטיגקייט, די אלע מעלות, וואָס עס פרע־דיגען אין דער זעלבער צייט די אכצען ספרים פון דער פ ו ר אַ נ א.

אין אַ שפּעטערער צייט ווערט געשאַפען די ליריק. איהר פּאָטער איז דער רעליגיעזער דיכטער קאַלידאַסאַ*). בעזונדערס שטאַרק איז אין זיינע לידער דער מאָטיוו פון ליבע. דאָס שענ־סטע ליד זיינס איז „דער וואָלקען אַ שליח". דער פערטרעטער פון דער אידיליע איז דזשאיאַוועדאַ, פון וועמענס שאַפונגען עס צייכענט זיך אויס די בעריהמטע מיט איהר חן, תמימות און הארציגקייט „גיטאַ גאווינדא". עס זענען אויך פּאָפּולער אין אזיען די אינדישע פאַבעלן און משלים, וואָס זענען אויפגעזאַ־מעלט אין דער פאַנטשא־טאַנטראַ (ד. ה. פינף ספרים, חומש). די „גוטע לעהרע" (חיטאָפּאדעסא) איז אויך איבערגעזעצט אין אייראָפּעאישע שפּראַכען.

היינט ערוואכט ווידער אינדיען פון איהר טויזענד־יעהרי־גען שלאָף צו שעפערישקייט, צו פּאָליטישער אונאָבהענגיגקייט (גהאנדי) און קולטורעלער* זעלבסטשטענדיגקייט. דער אַלטער גייסט בעקומט אַ ניי לעבען און נייע פאָרמען. דער גרעסטער דיכטער פונ'ם היינטיגען אינדיען, ראבינדראַנאַט טאַגאָרע, ציהט זיין יניקה פון די נאַציאָנאַלע אורקוואַלען. זיין „סאַדהאַנאַ" איז אַ המשך פון די הייליגע אופּאנישאדען און זיין מוזע וואקסט אויף אין די אייביגע טעמפּלען פון די אוראלטע געטער און אומשטערב־יכע גייסטער. ס'ווערט מקויים די אַלט־אינדישע אידעע פון אומאויפהערליכער רעאינקאָרנאַציע, ווידערגעבורט. אין דער מענשליכער געשיכטע. די אינדישע השפּעה אויף דער ציוויליזירטער וועלט איז געווען א גרויסע און טיף־אַריינדרינגענדע. זי ווערט אויך לעצטענס פערשטאַרקט אַ דאַנק דער נאַציאָנאַלער ערוואַכונג, וואָס האָט געוואונען די אויפמערקזאַמקייט און טייל־ווייז די סימפּאַטיע פון דער גאַנצער ציווילזירטער וועלט.

*) קאַלידאַסאַ איז אויך בעריהמט אַלס גרעסטער אינדישער דראַמען־שריי־בער, בעזונדערס שמ'ט זיין סצעניש ווערק סאַקו־טאַלאַ, אָדער דער פּאַטאַלער רינג, וואָס איז איבערגעזעצט אין אַ סך אייראָפּעאישע שפּראַכען.

## פערל פון דער וועלט־ליטעראַטור.

### פון דער „מאַהאַבהאַראַטאַ".

...נאָר מיט'ן אויפגאַנג פון זון צעשאַלען „מלחמה!" טרומייטערס,**)
דונערט דאָס קול פון דער פויק און דער רויש פון די רעדער און רייטערס;
ליאַרעמט דאָס הירזשען פון פערד מיט מעכטיגען שריי פון העלפאַנטען,
טומעלט דער שלאַכטען־געשאַל און די רופען פון די קאָמענדאַנטען.

**) די מאַהאַבהאַראַטאַ איז געשריבען מיט'ן ריטם פון דער „סלאָקאַ", דאָס זענען צוויי צונויפגעבונדענע פיר־טראַכייאישע שורות (16 זילבען) איך האָב עס אי־בערגעזעצט מיט'ן פּאָפּולערען גריכישען העקסאַמעטער.



בית יעקב-לודז/גליון/שנה ז/גליון 056 a הודפס מתוך הארכיון היהודי
עמוד 9 מתוך 18

שטייט אַ מחנה אַ קעגען אַ מחנה, אָנצאָהליגע שאַהרען:
פאַנדו מיט זיינע אַרמעען אין מזרח, און קורו — אין מערב,
פלאַקערט-אויף גבורה פון זיג, דערוועקט זיך דער גלויבען אין זיגען.
און ס'דערהויבט זיך די זון, באַשיינט זי שורות פון קריגער,

פוסגעהער, רייטערס אויף פערד, אויף העלפאַנט און אויף וואָגען.
איינער פּרובט זיין פּיקע איבערן קאָפּ צו דערטראָגען,
דאָרטען שאַרפט איינער די שווערד, און האָט איינער געצויגען
פון דער שייד די שפּיז, אַן אַנדערער לאָזט פיילען פון בויגען.

לייכטען מיט אותיות-גאָלד די פאָהנען פון די מלכים,
נאָר איבער אַלע די העלדען לייכט-אויף פּישמאַ דער חכם.
שטייט ער אויף זילבערנעם רייטוואָגען, דער קאָפּ און די באָרד
ווייס ווי שנייען,
אויפן קאָפּ אַ הייסער טורבאַן און די ווינטען צעווייען

זיין ווייס קלייד פון די אָרעמס, ווי צוויי אָדלערישע פליגעל,
בלישטשעט דער זילבערנער פּאַנצער פון צווישען זיי ווי אַ שפּיגעל.
טראָגען איהם ווייסע פערד, ווי שניי-בערג פון הימלישע ספערען,
פלאַטערט זיין פאָהן פון אַ פּאַלמע מיט פינף זילבערנע שטערען.

דעמאָלט רעדט ער צו זיינע העלדען די רייד פון'ם האַרצען,
איז יעדעס וואָרט, ווי אַ בליץ, וואָס פאַלט פון אַ וואָלקען אַ שוואַרצען:
„היינט פאַר אייך, מיינע העלדען, שטייען אָפען די טויערן
„וואָס, ווען אייערע עלטערן האָבען אין קאַמפּפלוסט געשוואוירען,
„פלעגען דורך זיי אין די אָפענע וועלטען פון אינדראַ באַלאַנגען,
„גייט אויך אין וועג, וואָס ס'זענען אייערע עלטערן געגאַנגען.
„איהר יונגע העלדען, קשאַטריאַ זעלנער און גענעראַלען,
„נישט אין שטוב און נאָר אויפ'ן שלאַכטפעלד וועלען מיר
פאַלען!"...

## שׁ פּ ר וּ כ ע ן

— פון פרייד שפּראָצט אַרוי'ס ג—טס גאַנצע שאַפונג, אין פרייד איז איהר קיום, צו פרייד שטרעבט זי און אין פרייד גייט זי אַריין.

**אופּאַנישאַדע.**

— „מיר געהערען די דאָזיגע קינדער, מיר געהערען די דאָזיגע רייכטימער"
— אַזוי קלערט דער נאַר. ווי אַזוי קענען זיי איהם געהערען, אַז ער געהערט אויך נישט זיך.

**בּודדאַ.**

— גרעסער פון צעהן כהנים איז דער כבוד פונ'ם מלמד. גרעסער פון צעהן מלמדים איז דער כבוד פונ'ם פאָטער. גרעסער פון צעהן פאָטערס, און אפילו פון אַלע פאָטערס פון דער וועלט איז דער כבוד פון דער מוטער.
וואָס קען דען זיין חשובער פון אַ מוטער?!

**חיטאָפּאַדעסאַ.**

— ג—ט אַליין בלייבט שטיין פערוואונדערט פאַר יעדען פריהמאָרגען וואָס ער בעשאַפט.

**טאַגאָרע.**

— די מאַכט האָט געזאָגט צו דער וועלט: ביסט מיינע! האָט די וועלט זי צוגעקאָוועט אויף איהר טראָהן.
די ליבע האָט געזאָגט צו דער וועלט: איך בין דיינע! די וועלט האָט איהר געגעבען די פרייהייט פון איהר הויז.

**דערזעלבער.**

## הרב דר. מיכאל הכהן זצ"ל

# שעקספּיר'ס טעות וועגן יודען.

## (סוף פון „צי איז שיילאָק אַ יוד")

אַ חוץ שעקספּיר'ן האָט נאָך קיינער נישט אַזוי שטאַרק געשילדערט אונזערע יסורים, און דערין ליגט טאַקע פאַר אונז דער ווערט פון זיין ווערק. לאָמיר צום ביישפּיל ברענגען שעקספּירס ווערטער, וואָס ער זאָגט צו אַנטאָניאָ'ן, ווען ער קומט זיך צו איהם באָרגען דאָס געלד:

„סעניאָר אַנטאָניאָ, אַזוי פיל מאָל האָט איהר מיך פערשעהמט אויף דער גאַס צוליב מיין געלד און מיינע ציגזען. איך האָב עס שטענדיג געדולדיג אַריבערגעטראָגען. וואָרום דולדען איז דער גורל פון מיין פאָלק. איהר האַלט מיך פאַר אַן אומגלויביגען הונד, פאַר אַ האַלז-שניידער, איהר שפּייט אויף מיין מאַנטעל, בלויז דערפאַר וואָס איך בענוץ נאָר דאָס, וואָס איז מיין. אַלזאָ גוט, איצט ווייזט זיך אַרויס, אַז איך קאָן אייך אויך ברענגען אַ נוצען. אַלזאָ, איצט קומט איהר צו מיר און איהר זאָגט: שיילאָק, איך וויל האָבען געלד, דאָס רעדט איהר, איהר וואָס האָט מיר געשפּיגען אין מיין באָרד אַריין און מיך געטרעטען, ווי אַ הונד, וואָס מען וואַרפט אַרויס פון אַ פרעמדער שטוב. געלד ווילט איהר? וואָס זאָל איך זאָגען? זאָל איך דען נישט זאָגען: ווי קומט געלד צו אַ הינד? איז דען מעגליך, אַז אַ הונד זאָל האָבען דרייטויזענד דוקאַטען צו לייהען? אָדער זאָל איך מיך אפשר בוקען און אונטערטעניג, ווי אַ שקלאַף, רעדען צו אייך מיט אַן איינגעהאַלטענעם אָטעם, אָט אַזוי הכנעה'דיג: שעהנער הער, דעם לעצטען מיטוואָך האָט איהר אויף מיר געשפּיגען, פרייטאָג האָט איהר מיך געטרעטען מיט די פיס, אַנ'אַנדערטמאָל האָט איהר אויף מיר געשריגען „הונד"! פאַר דער דאָזיגער פריינדשאַפט, וועל איך אייך לייהען כך וכך געלד"....

און האָט נאָך עמיץ שטאַרקער פון שעקספּיר'ן געשילדערט דעם וועה פון דעם יוד, וואָס איז בעהאַנדעלט געוואָרען נאָך ערגער פון אַ שקלאַף? אויף דער פראַגע, וואָס ער וויל טהון מיט דעם פונט מענשליך פלייש, ענטפערט שיילאָק: צו זעטיגען דערמיט מיין נקמה: „ער האָט מיך מבוזה געמאַכט, מיינע פערדינסטען האָט ער אויסגעלאַכט, פון מיינע פערלוסטען האָט ער אָפּגעשפּעט, מיין פאָלק האָט ער צושאַנד געמאַכט, מיין האַנדעל האָט ער געקרייצט, מיינע פריינד האָט ער דאָס מויל פערשטופּט, מיינע שונאים האָט ער געהעצט, און צוליב וועלכע סבה? ווייל איך בין אַ יוד, האָט דען נישט דער יוד קיין הענד, קיין אברים און גלידער, קיין געפיהלען, קיין עמפּינדונגען און קיין ליידענשאַפטען? ווערט ער דען נישט דערנעהרט מיט די זעלבע שפּייזען, מיט דעם זעלבען כלי-זיין פערוואונדעט, מיט די זעלבע קראַנקהייטען געשלאָגען, מיט די זעלבע רפואות געהיילט, ווי דער קריסט? ווען איהר שטעכט אונז רינט דען נישט קיין בלוט? ווען איהר פער'סמט אונז שטאַרבען מיר דען נישט דערפון? און ווען איהר טהוט אונז בעליידיגען זאָלען מיר נישט זוכען קיין נקמה? אויב מיר זענען אין אַלע אַנדערע זאַכען ענליך צו אייך, ווילען מיר אין דער הינזיכט אויך זיין גלייך מיט אייך. ווען אַ יוד בעליידיגט אַ קריסט, וואָס קומט איהם דערפאַר? — נקמה. ווען אַ קריסט בעליידיגט אַ יוד, וואָס-זשע דאַרף דער יוד טהון לויט אייערע קריסטליכע ביישפּילען? נו, נקמה, דאָס שלעכטס, וואָס איהר האָט מיך געלערנט, וויל איך איצט טון, און עס וועט זיין זעהר שלעכט, אויב איך וועל עס נישט קאָנען טהון פּינקט אַזוי גוט, ווי איהר, מיינע לעהרער"...

אַזוי האָט אונז שעקספּיר פערשטאַנען און אַזוי וואָלט יעדער לאָגיש-דענקענדער מענש אונז געמוזט פערשטעהן. שעקספּיר האָט אָבער נישט געקענט און נישט געקאָנט וויסען, אַז די מדה פון נקמה איז אונז זעהר פרעמד, און הגם מיר ווערען געטרע-



בית יעקב-לודז/גליון/שנה ז/גליון 056 a הודפס מתוך הארכיון היהודי

פון
רבי משה חיים לוצאטי
זצ"ל

# דער וועג פון די פרומע
## (מסלת ישרים)

פריי יודיש דורך
**א. ז. פרידמאַן**

(סוף פון פינפטען קאַפּיטעל)

אויף אַלע אכטעט ער אין אַ גלייכער מאָס און יעדע זאַך ווערט דורך איהם צוערשט גוט בעאורטיילט און דערנאָך בעשטראָפט לויט זיין גרויס, דאָס זאָגט אויך שלמה המלך: „אַלע ווערק ברענגט ג—ט אין געריכט אַזוי אַז ער קומט צו צו אַלעם פערגאַנגענעם, איז עס גוט אָדער שלעכט" 20) ד. ה. אַז פּונקט ווי ג—ט פערגעסט נישט קיין גוטע טהאַט מעג זי זיין ווי אים-בעדייטענד, אַזוי אויך פערגעסט ער נישט קיין שלעכטע טהאַט מעג זי זיין ווי קליין. און דאָס דאַרף דינען אַלס פּראָטעסט געגע די וואָס ווילען זיך זעלבסט אָפּנאַרען און ווילען זיך איינרעדען אַז השם יתברך נעמט נישט אין אַכט די לייכטע און קליינע עבירות און לאָזט זיי אַרויס פון רעכנונג, וועגען די מענשען האָבען אונזערע חכמים ז"ל געזאָגט: „ווען דער יצר-הרע וועט דיר זאָגען: זינדיג, ג—ט וועט דיר שוין פערגעבען! זאָלסטו איהם נישט הערען". 21) און ווי קען עס דען אַנדערש זיין? ג—ט איז דאָך דער ג—ט פון אמת ווי משה רבינו האָט עס געזאָגט: „אַ פעלז איז ער, זיין טהון איז פערפאַלקאָמט, אַלע זיינע וועגען זענען גערעכטיגקייט, אַ ג—ט פון טרייהייט אָהן פעהלער, אַ גע-רעכטער און גראַדער איז ער" 22) ווען ער וויל אַלזאָ נאָר די גערעכטיגקייט, וואָלט דאָך געוועזען פון זיין זייט די מינדעסטע נישט אַכטונג אויפ'ן שלעכטען אַזוי ווי אויפ'ן גוטען, אַ אָפּווייכונג פון דער גערעכטיגקייט; וויל ער די גערעכטיגקייט, דאַן מוז ער יעדען בעצאָהלען לויט זיינע וועגען און לויט דער פרוכט פון זיינע האַנדלונגען, גענוי, מיט דער גרעסטער פינקטליכקייט, צום גוטען אָדער צום בייזען. דעריבער הייסט ער דאָך דער ג—ט פון טריי-הייט אָהן פעהלער, גערעכט און גראַד געגענאיבער די פרומע ווי די שלעכטע, דאָס איז זיין וועג, ער ריכטעט איבער אַלעם, און פאַר יעדע זינד בעשטראָפט ער נישט צום אַרויסדרעהען זיך.

עס קען זיך אַפילו דערהויבען אַ פראַגע: וואָס דען בעדייטעט די געטליכע ליבע און רחמים אויב יעדעס קלייניגקייט קומט פאַר'ן געריכט און ווערט שטרענג בעשטראָפט? איז דערויף די אַנטוואָרט: זיכער עקזיסטירט די וועלט נאָר אויפ'ן יסוד פון די מדת-הרחמים אָהן וועלכען ס'איז נישט מעגליך דער בעשטאַנד פון דער וועלט און טראָץ דעם, ווערט דער שטרענגער דין דאָך נישט פערק'רצט און דאָס איז אַזוי צו פערשטעהן: לויט'ן פּרינציפּ פון שטרענגען רעכט, וואָלט דער זינדיגער געדאַרפען ליידען זיין שטראָף תיכף נאָך די זינד אָהן שום פערצעגערונג; די שטראָף וואָלט אויך געמוזט קומען מיט גאַנצען געטליכען צאָרן אַזוי ווי עס פּאַסט פאַר אַ זעלכען, וואָס האָט זיך געגענגעשטעלט ג—ט'ס בעפעהל, און דריטענס וואָלט נישט געדאַרפען זיין קיין שום אופן צוריק גוט צו מאַכען די זינד, דען באמת, ווי קען מען אייגענטליך גוט מאַכען אַ פעהלער וואָס מען איז שוין בעגאַנגען, אַ פערברעכען וואָס איז שוין אָפּגעטהון געוואָרען? צ.ב.ש. ס'האָט איינער געמאָרדעט ווי אַזוי קען ער דאָס גוט מאַכען, קען ער דען די טהאַט צוריקכאַפּען און אַ'הר פון דער וועלט אָבשאַפען? —אָבער די געטליכע ליבע און רחמים פיהרט צום פערקעהרטען פון די דריי דערמאָנטע מאָמענטען, דעם זינדיגען ווערט פרייע צייט געגעבען. ער ווערט נישט זאָפאָרט פערטיליגט פון דער וועלט, די שטראָף אַליין טרעפט איהם נישט ביז צו פולשטענדיגער פערניכטונג, און עס ווערט ערמעגליכט דעם זינדיגען דער צוריק-קעהר (תשובה) אַז די אויסראָטונג פון שלעכטען ווילען זאָל ווערען בעטראַכט ווי די אויסראָטונג פון דער טהאַט ד. ה. ווען דער וואָס איז גרייט צו תשובה אַנערקענט און איז מודה אין זיין זינד, ער בעטראַכט זיך איבער זיין שלעכטס און האָט פול-שטענדיג חרטה, זיין שטאַרקסטער ווינש וואָלט געוועזען אַז די זאַך זאָל נישט האָבען געשעהען און ער ערגערט זיך גאָר שטאַרק דעריבער וואָס עס איז יאָ געשעהען און פערלאָזט אָט די טהאַט אויף דער צוקונפט און מיידט זיי אויס — דאַן ווערט דאָסדאָזיגע, וואָס ער פערניכטעט זיין שלעכטען ווילענס-אַקט איהם פעררעכענט צוליב די גרויסע געטליכע ליבע אַזוי ווי עס וואָלט פּאַקטיש אַזוי געוועזען, אַזוי ווי די זאַך וואָלט ווירקליך נישט געשעהען, און עס ווערט איהם פערגעבען, דאָס מיינט דער פסוק מי"ט די ווערטער: „דיין שולד איז פערשווינדען און דיין זינד איז פער-געבען" 23) די שולד איז גענצליך פון דער וועלט פערשווינדען, גענצליך אַראָפּגענומען צוליב דעם אינערליכען צער און טיפע חרטה אויפ'ן געשעהענעם.

דאָס אַלעס איז זיכער מצד דעם געטליכען חסד און שטימט נישט מיט די פּרינציפּען פון רעכט און דין, עס איז אָבער אַזאַ אַרט ליבע וואָס איז נישט אין פולען קאָנטראַסט מיט די רעכט דען מען קען די זאַך אַזוי אויפפאַסען: אָנשטאַט דעם ווילען און דעם גענוס וואָס דער זינדיגער האָט געהאַט אינ'ם מאָמענט פון זינד, איז יעצט פערהאַן די חיטה און דער צער, די צייט-פויזע איז אויך נישט אַ פערנאַכלעסיגונג געגענאיבער דעם זינדיגען נאָר אַ קליין ביסעל געדולד, כדי צו געבען איהם די געלעגענהייט ווידער גוט צו מאַכען זיין פעהלער, און אַזוי איז עס אויך מיט אַנדערע אַקטען פון געטליכען חסד ווי צ.ב.ש. אַז צוליב דעם זוהנס גוטען ווילען און גוטע מעשים ווערט דער פאָטער גע-שוינט 24) א.ד.גל. וואָס די חכמים דערמאָנען, די אַלע זענען וועגען פון הסד און ליבע אָבער זיי זענען דאָך נישט קיין קאָנטראַסטען און זיי ווידערשפּרוכען נישט ווירקליך דעם פּרינציפּ פון שטרענגען רעכט, דען זיי האָבען אַן און פאַר זיך זייערע מאָטיוועו און גוטע בעדייטונג, אָבער אַז אַ זינד זאָל ג—ט אַזוי פערזעהען אָדער אונבעאַכטעט ווערען דאָס וואָלט שוין געוועזען געגען די רעכט, געגען יעדע גערעכטיגקייט און אמת'ן משפט; דעריבער איז עס אַ אונמעגליכקייט און ווען פאַר אַ זינדיגען שטעהט נישט אָפען איינער פון די דערמאָנטע וועגען פון חסד, דאַן טרעט אַריין דאָס שטרענגע רעכט אין קראַפט אָהן שום רעטונג אַזוי ווי עס זאָגען אונזערע חכמים: „ער איז געדולדיג אָבער ער מאָהנט אויף זיינע" 25). עס בלייבט אַלזאָ נישט איבער פאַר אַ מענשען וואָס האַלט אָפען זיינע אויגען, קיין שום אויסרייד אום נישט אַכט צו לייגען אויף זיינע האַנדלונגען און נישט גענוג-פאָרזיכטיג צו זיין אין זיי — און ווער עס האַלט אָט דידאָזיגע געזיכטספּונקטען פאַר די אויגען דער וועט זיך די פאָרזיכטיגקייט דערוואָרבען און איינאייגענען, אויב ער מיינט עס נאָר ערנסט מיט זיך.

20) קהלת יב - יד. 21) חגיגה טז. 22) דברים לב—ד.

23) ישעי' ו—ז. 24) סנהדרין קד. 25) בבא קמא נון.


יעדע בית - יעקב = שול
געווינט אַ סאַך, ווען זי צושיקט צו אַלע
עלטערן די נייע פּראָפּאַגאַנדע

**בּראָשור פון שרה שענירער**





בית יעקב-לודז/גליון/שנה ז/גליון 056 a הודפס מתוך הארכיון היהודי
עמוד 12 מתוך 18

# פון די פייערליכקייטען אין לובלין

## אין וואַגאָן

שוין דאָ פיהלט מען דעם ריח פון לובלין. אויף יעדערער סטאַציע שטייגען איין „לובלינער" פּאַסאַזשירען און דאָס געשפּרעך דרעהט זיך אַלץ אויף דער טעמע: „לובלינער ישיבה".

דערצעהלט אַ לאַדזער:

— אונזער שטאָט האָט 3 פּערטרעטער צווישען די תּלמידים פון דער לובלינער ישיבה. און אינטערעסאַנט איז, וואָס דער פאָטער פון איינעם פון די תּלמידים איז אַ „חפשי", און ס'שמעקט איהם שטאַרק נישט, וואָס די לובלינער ישיבה וועט מאַכען פון זיין זוהן אַ „רב".

אַ פּאַביאַניצער זאָגט:

— מיר האָבען אפילו נישט מעהר ווי איין בחור, אָבער מיר זענען שטאָלץ דערמיט, נישט יעדער שטאָדט האָט דערצו זוכה געווען.

— און מיר — רופט זיך אָן מיט גדלות אַ דאָמבראָ-ווער (גורניטשא) — האָבען דאָרט לערנען אַזש 2 בחו-רים, און דערביי זענען זיי ביידע שניידער קינדער.

און עס ענטוויקעלט זיך אַ לעבהאַפטער שמועס, וועלכער כאַפּט אַרום אַלע אָנוועזענדע. און יעדער ווייזט צו דער ישיבה אַרויס אַזאַ אינטערעס און ליבּ-שאַפט, פונקט ווי ס'וואָלט זיך געהאַנדעלט וועגען זיין אייגענטום.

## נאַ באַטש-נאַשטש!

מעהר מענשען זענען גע-וועזען דרויסען, אויף דער גאַס, ווי אויפ'ן ישיבה-הויף. די סבה דערפון איז געווען אַ פּשוטע. דער איינטריט האָט געקאָסט געלד, און נישט יעדער האָט געהאַט די נויטיגע סומע דערויף.

אַ גרויסער קאָרדאָן פּאָליציי, אונטער דער אָנפיהרונג פון קאָמיסאר סאַבאָטשינסקי איז געשטאַנען אין דרויסען און גע-האַלטען אַרדנונג, וועלכע איז ווירקליך געווען אַ מוסטערהאַפטע: קיינער האָט נישט בעוויזען אַדורכצוגעניאַרען זיך און אַריין אויפ'ן הויף אָהן אַ בילעט.

אָבער אין אַ געוויסען מאָמענט איז די „דרויסענדיגע" פּאַרט געלינגען זיך אַריינצובעקומען אויפ'ן ישיבה הויף. און געשעהן איז עס אַזוי:

בעת דער אָרקעסטער האָט אָנגעהויבען צו שפּילען דעם נאַציאָנאַל-פּוילישען הימן האָט זיך די גאַנצע פּאָליציי, ווי איין מענש געשטעלט: „נאַ באַטשנאָשטש".

דאַס האָבען אויסגעניצט אַ גרויסער טייל „חצונים", וועלכע זענען פראַנק און פריי אינעווייניג אַריינגעגאַנגען, און די פּאָליציי איז נעבעך געשטאַנען סאַלוטירענדיג, און נישט געטאָרט מפסיק זיין...




ארכיון אסופות

1) ה' משה איידענבערג (פּאָרזיצער פון בוי-קאָמיטעט) 2) ה' שמואל איכענבוים 3) דער לובלינער רב 4) ה' הערשל זילבער (פּרעזעס פון דער לובלינער קהלה) 5) ה' שבתי שיינפעלד (גענעראַל-סעקרעטאַר פון דער יח"ל-צענטראַלע 6) ה' אברהם לעבעל 7) אַ תּלמיד פון יח"ל פון פּרעשבורג 8) ה' שטשעריינסקי.

## נאַפּאָלעאָן דער צווייטער

בשעת דער פייערליכער ערעפנונג. אין נאָמען פון דער גרויסער יודישער קהלה אין גאַליציען, פון לעמבערג, בעגריסט הרב וויטעלס. ער וואונשט, דאָס דער פּיעטרקאָווער רב, זאָל ווערען דער צווייטער מהר"ם מלובלין (ביידע טראָגען דעם זעלבען נאָמען).

גלייך נאָך איהם נעמט דאָס וואָרט הרב שפּירא און דערצעהלט פאָלגענדען אַנעקדאָט:

— בעת נאַפּאָלעאָן דער דריטער איז געוואָרען גע-קרוינט אַלס קעניג פון פראַנקרייך, האָט די סוויטע זיינע איהם בעגריסט מיט דעם אויסרוף: „זאָל לעבען נאַפּאָלעאָן דער צווייטער!"

אָבער דערנאָך האָט נאַפּאָלעאָן אָפּגעענטפערט: „נאַפּאָלעאָן דער ערשטער האָט צו זיך קיין צווייטען נישט געהאַט, אַלערהעכסטענס קאָנט איהר מיך אָנרופען: „נאַפּאָלעאָן דער דריטער".

— „איך זאָג אויך אַזוי — ווענדעט זיך דער ג' רב צו די פערזאַמעלטע — מהר"ם מלובלין האָט צו זיך קיין צווייטען נישט געהאַט. אז שוין יאָ-טאָ כאָטש „מהר"ם מלובלין דער דריטער", אָבער, דאָס שטימט אויך נישט מיט'ן אמת"...

י. שטשעריינסקי

---

### יודען, יודיש און יודישקייט (סוף פון זייט 9

שבטים, און פאָרט רעדען די דאָזיגע בעריהמטע מענער אויף זייערע היימישע דיאַלעקטען אויף זייער שוואַבישער אָדער פרענ-קישער אָדער בייערישער מוטערשפּראַך.

יודישע קינדער דאַרפען זיך אַ ראיה נעהמען פון אונזער גרויסען פיהרער ד"ר נתן בירנבוים. ווער בעהערשט נאָך אַזוי מייסטערהאַפט די דייטשע שפּראַך ווי ד"ר בירנבוים, ער איז דאָך בעקאַנט אין דער גאַנצער קולטור-וועלט אַלס גרויס-אַרטיגער דייטשער סטיליסט און שפּראַך-קענער און פאָרט ווי האָט ער ליב א'נזער יודיש! ווי האָט ער בערייכערט אונזער שפּראַך מיט נייע ווערטער, פאָרמען, געדאַנקען און קלאַנגען! ווי האָט ד"ר בירנבוים פערטיידיגט דעם כבוד פון יודיש אין דער יודישער און נישט-יודישער וועלט!

פרומע יודישע טעכטער! אייער חוב איז צו ליבען יודיש, בכבוד צו האַלטען די יודישע שפּראַך, זי צו פילנעווען און צו שוינען!

---

דעם האַרציגסטען מזל-טוב און ברכה'פול גליק, ווינש איך מיין געטרייע ערשטע פריינדין פּערל לאה זיידמאַן צו איהר תּנאים מיט ה' ד. סאַלאמאן פון מיכאָוו. זאָל דיך ג-ט בענ-שען, דאָס אייער צוקונפט זאָל זיין אַ קייט פון אייביג גליק און צופרידענהייט. דו זאָלסט אויף תמיד בלייבען די שטאָלצע טרע-גערין פון אונזער הייליגען פאָהן.

דייגע נאָך ערשטע איבערגעגעבענע פריינדין

ב. פראָהמאַן, ב"י לעהרערין פון לוטוטאָוו



בית יעקב-לודז/גליון/שנה ז/גליון 056 a הודפס מתוך הארכיון היהודי

# בילדער פון די לובלינער פייערליכקייטען

דאס
בנין
פון דער
לובלינער
ישיבה





דעלעגאציעס פון „בנות״, „בית יעקב״, „חבצלת״
ביי די פייערליכקייטען אין לובלין



מיטגלידערינס פון פרויען-קאמיטעט
פון יח״ל

פון לינקס צו רעכטס:
1) הרבנית טווערסקי 2) פרוי זילבער
3) דרבנית האפשטיין.

## בית המקדש אין מיניאטור

(סוף פון זייט 6)

צו דר׳ערד, ווען דער כהן גדול האט ארויסגעזאגט דעם „שם המפורש״ אין יום כפור..

און געקלונגען אין די אויערען האט ווי א ווייטער עכא פון יענעם עניות׳דיגען התנצלות פון דוד המלך׳ס צוואה: „און איך מיט מיין ארימער בעשיידענהייט, האב צוגעגרייט צום דאזיגען הויז״.—ווען די זעלבע ווערטער זענען געווארען איבערגע־חזר׳ט דורכ׳ן נייעם לובלינער רב אין זיין ערעפנונגס-רעדע ביי דעם פייערליכען חנוכת הבית. און עס האט דערמאנט אין יענער פאזע, אין וועלכער שלמה המלך איז געשטאנען אויפ׳ן דאך פון ביור און גערעדט צום פאלק און זיי דערצעה״ט, ווי אזוי און ביי וועלכע אומשטענדען ער האט געבויט דאס בית המקדש ביז ער האב עס צום חנוכת הבית דערפיהרט, און דערנאך זיך אראפגעלאזט אויף די קניה, דאנקענדיג פאר די גרויסע חסדים ביז ביז אהער און פערשפרייטענדיג די הענד צום הימעל מיט א תפלה תחנה ובקשה ער זאל זיין שכינה מאכען רוהען און בעשיצען איבער דעם הויז אויף ווייטער, נאך וועלכען דאס גאנצע קהל האט הויך געענטפערט מיט איין קול: אמן! — בעת דער לובלינער רב האט פון ריזיגען ישיבה-באלקאן צים עולם אראפגערעדט. מיט א „שהחיינו״ צו ג—ט געדאנקט און היים געבעטען אויף ווייטער מצליח צו זיין, אויף וועלכען דער גאנצער עולם האט איהם מיט א הארציגען „אמן!״ אפגעענטפערט.

יא, א „בית המקדש אין מיניאטור״ האבען מיר אין לובלין געזעהן!..

לובלין ער״ח תמוז, תר״ץ



הרבנית שפירא (פרוי פון לובלינער רב)
טיילט זיסיגקייטען די תלמידים פון דער גלינער ישיבה



בית יעקב-לודז/גליון/שנה ז/גליון 056 a הודפס מתוך הארכיון היהודי

# פּראָבלעמען פון דער בית-יעקב-שול

(פרייע טריבונע פאַר עסקנים, עסקנות און לעהרערינס)

## די לאָדזער קהלה מוז ערפילען איהר חוב!

דער ענין פון סטיפּענדיעס פאַר תּלמידות פון בית יעקב-סעמינאַר, וואָס איז דורך דעם ב"י-זשורנאַל שוין אייניגע מאָל ארומגערעדט געוואָרען, הויבט ענדליך אָן ווערען רייף. אין „טאָג-בלאַט" פון כ' סיון האָט גענומען אַ שטעלונג דער בעקאַנטער פּובליציסט ה, א. מ. ראַגאָווי. אין זיין מאמר „אַ דרינגענדער חוב פון די קהלות" רעדט ה' ראַגאָווי ארום באריכות דאָס ענין און ווייזט אויך אָן דערויף, אַז די לעמבערגער קהלה (אגב נישט מיט קיין אָרטאָדאָקסישע מעהרהייט...) האָט שוין ערפילט איהר חוב. בעשטימענדיג עטליכע סטיפּענדיעס און נאָכמעהר, אַזוי ווי דאָס בודזשעט-יאָהר איז שוין געווען אָפּגעשלאָסען, ווערט די לעמבערגער קהלה דאָס היינטיגע יאָהר אויסצאָהלען פון רעזערוו-פאָנד.

איך מיין, אַז צו דער לאָדזער קהלה-פערוואַלטונג האָבען מיר דאָס פולסטע רעכט צו פ אָ ד ע ר ן, דאָס ענין מעהר נישט צו פערשלעפּען. די לאַדזער קהלה איז מחויב צו געבען סטיפּענדיעס פאַר די בית יעקב-סעמינאַריסטינס!

*

די לאָדזער בית יעקב-עסקנים, וועלען שטעהן אויף דער וואָך, צו אונזער אָרטאָדאָקסישער קהלה-מעהרהייט זאָל אין דעם פּרט נישט בעגעהן קיין עולה און מיר זענען אַפילו אַ רגע נישט מסופק, אַז אונזערע געוועהלטע שליחי-צבור זאָל מען נאָך דאַרפען דערוועגען דערמאָנען...

**אַ לאָדזער בית יעקב-עסקן.**

— — — — —

## פאַרוואָס נאָר אין 4 שטעט?

ארכיון אסופות

ווי בעקאַנט זענען בלויז פערהאַן 4 שטעט, וואו עס איז געלונגען דורכצופיהרען, אַז אַלע י ו ד י ש ע קינדער (מיידלעך) מוזען אָבליגאַטאָריש בעזוכען די בית יעקב שול, אויף צו נעמען דעם דת-אונטערריכט. (אַזוי האָבען מיר געהערט אויף דער ב"י-קאָנפערענץ אין וואַרשא).

די דורכפיהרונג פון מתחייב זיין אַלע יודישע מיידלעך אָבליגאַטאָריש צו מוזען קומען אַ פּאָר שעה וועכענטליך אין בית יעקב, האָט אַ דאָפּעלטען בעדייט: אי אַזויערנאָך ווערט מאַטעריעל די בית יעקב-שול געשטיצט (פאַר'ן אונטערריכט צאָהלט דאָס אַלגעמיינע שול-קוראַטאָריום) אי מאָראַליש ווערט שטאַרק געהויבען דאַדורך דער פּרעסטיזש פון דער בית יעקב-שול, און עס איז דאָך במילא אַ גרויס געווינס פאַר דער אַלגעמיינער אידעע.

עס איז נאָך אפשר צו פערשטעהן דאָס התנגדות פון אַ טייל בית יעקב-עסקנים, אַז די ב"י לעהרערין זאָל געהן אין דער פּאָווזשעכנער שול געבען רעליגיע-אונטעריכט, אָבער אַז די קינדער זאָלען קומען אין בית יעקב צו די דת-לעקציעס, איז דאָך געוויס קיינער נישט מסופק, אַז דאָס איז זעהר ראַציאָנעל און מיר אַלע דאַרפען מיטווירקען, אַז עס זאָל אַזוי זיין אין יעדען אָרט.

איך האָב דעם בעסטען סימן ביי אונז אין שטאָט, וועלכע האָט זוכה געווען צו זיין צווישען די 4 שטעט. מיר זעהן ערשט איצט דעם גרויסען בעדייט דערפון. די צאָהל תּלמידות אין אונזער בית יעקב האָט זיך פיל פערגרעסערט און דער אַלגעמיינער ערפאָלג פון דער ב"י אידעע אין אונזער שטאָט איז אונגעהויער גרויס.

איך ווענד זיך דעריבער צו אַלע עסקנים פון דער ב"י-בעוועגונג און גאַנץ בעזונדער צו דער צענטראַלער לייטונג, אַז עס זאָל זאָפאָרט אונטערגענומען ווערען אַ ענערגישע אַקציע, דאָס אַלע שול-פליכטיגע מיידלעך, זאָלען מחויב זיין צו געהן אויף די דת-לעקציעס אין די ב"י שולען.

וואָלבראָם **אברהם זילבערבערג.**

— — — — —

## די שיקאַנעס פון די פּאָווזשעכנע לעהרער

עס איז אַ פאַקט, דאָס אין פיל פּראָווינצער שטעט, איז די בית יעקב-שול ווי אַ דאָרן אין אויג פון די לייטערס, לעהרערס און לעהרערינס פון די פּאָווזשעכנע שולען. אַ טייל ערלויבען זיך אַפילו צו בעשטראָפען ביי דער מינדעסטער קלייניגקייט אַ קינד, ווען זיי ווייסען, אַז דאָס זעלבע קינד געהט אין בית יעקב. מיט פערשידענע מיטלען זוכען זיי עצות, ווי אַזוי אונטערצוגראָבען די בית יעקב שול. אין אַ סך ערטער ווערט די קינדער אָנגעטון ממש געברענטע צרות. אַז עס דערנעהנטערט זיך דער סוף פון שול-יאָהר, סטראַשען זיי די קינדער מיט איבערלאָזען אויפ'ן צווייטען יאָהר אין דערזעלבער קלאַס וכדומה. פילפאַך ערגער איז עס נאָך אין די ערטער, וואו די לעהרער און לייטערס זענען י ו ד ע ן — די ציוניסטיש-בונדיסטיש-אַסימילאַטאָריש פּאָווזשעכנע לעהרער, פּיהלען זיך עפּעס ווי די מושלים איבער'ן יודישען קינד...

נו, פרעג איך, איז דערצו טאַקי נישטאָ קיין שום עצה? קאָן מען נישט אויספועל'ן אין בילדונגס-מיניסטעריום, וואָס איז סימפּאַטיש געשטימט צו בית יעקב, אַז מען זאָל די דאָזיגע לעהרער און לעהרערינס געבען אָנצוגעהערען, אַז דאָס איז נישט דערלאָזבאַר?

הארכיון היהודי

איך מיין, אַז דאָס איז נאָר אַ נאַכלעסיגקייט פון דער ב"י לייטונג און זאָל טאַקי דאָס ווייטער נישט אַזוי בלייבען.

**אַ שול-עסקן.**

## לידער פאַר אונזערע שולען

ביים יעצטיגען טאָג האָבען מיר שוין ב"ה ביי א רייכע שאפונג פון גוטע שול-לידער אין ב"י זשורנאל און „קינדער גאָרטען" און א זעלכע קאָנען זעהר פיל נוצען ברענגען דעם קינד פון דער ב"י שול, ווען צו די געשאפענע לידער וואָלטען אויך געווען ספּעציעלע מעלאָדיעס אויף נאָטען.

עס איז דאָך זעלבסטפערשטענדליך, אז אויך מיר ווילען שאפען פאר אונזער קינד א גייסטיגע היים, וועלכעס זאָל נישט דאַרפ'ן אָנקומ'ן מיט גאָרנישט צו דער פרעמד. מוז מען עס אלעס צושטעלען פון וויכטיגסטען ביז דעם מינדעסטען, און איך האלט, אז דאָס איז גראָד נישט פון מינדעסטען, ווייל אויך דאָס יונגע מיידעלע האָט נישט ביי אונז די שעהנע מעלאָדיע, וועלכע איז ביי א קינד אזוי ליב און טייער. מוז עס זיך בענוצען מיט פרעמדע לידער. וועלכע פער'סמען דעם קינד'ס גייסט.

מיין פאָרשלאג איז דעריבער, אז מען זאָל זיך דערמיט ווי געהעריג פעראינטערעסירען.

קראשניק **י. מ. ראָזענבערג**

Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem
ŁÓDŹ, Lipiec 1930
„BAJS JAKOW“

Cena 1 Zł.
P.K.O. 67.795

Rok VII zeszyt 10 (56.)
Adres Red. „Bajs Jakow“
Łódź, Limanowskiego 28.
Telefon 109-77.

## דאַנקזאַגונג

אַ האַרציגען דאַנק דרוקען מיר אויס די זעהר ח' פרוי שענירער פאַר איהר בעזוך ביי אונז איןווישקאָוו. מיר ווינשען דער ח' שעפערין פון ב"י פיל הצלחה און ערפאָלג אין איהר ווייטערער אַרבייט לטובת אונזער הייליגען אידעאַל.

ווישקאָוו בית-יעקב-פערוואַלטונג
לעהרערין מ. טויבע
בנות-אגודת-ישראל

---

צו דער פערלאָבונג פון מיינע חברות פעסע שייער, אסתר באַרנשטיין, ח' ראָזענבלום, ברײנדיל פראָהמאַן, ליבע נאָוואָמיאַסט און בתי' נאַשעלסקא ווינשט אַ האַרציגען מזל-טוב.

ווישקאָוו לעהרערין: מרים טויבע

---

## מ ז ל ט ו ב !

דעם האַרציגסטען מזל-טוב ווינשען מיר אונזער ל. פריינדין די גרינדערין פון אונזער אָרגאַניזאַציע און שטאָלצע קעמפערין פון הייליגען תורה-אידעאַל

פרל. נאָוואָמיאַסט

צו איהר פערלאָבונג. זאָל איהר צוקונפט זיין בעצירט מיט די בלומען פון אונזער בנות-אידעאַל.

בעלכאַטאָוו: טאָבא רבקה שאַטאַן, מלכה קאָדזיאַל, רחל לאה שטייער, שיינדיל אַנקערמאַן.

---

אַ הערצליכען מזל-טוב אונזער ליבע געוו. לעהרערין (חאַראַש) קערשטער (סקיערניעוויץ) צום ניי-געבוירענעם זוהן, זאָל ער ערצויגען ווערען אין גייסט פון תורה ואגודה ווינשט

קאַליש בנות - פּאָרזיצ. פרל. טרויבע שילערינס: בערגמאַן, גוטפריינד, וואָלקאָוויטש, ווייטץ, ערליכמאַן, טוסק, גלאַטשטיינס.

---

די האַרציגסטע מזל-טוב ווינשען שיק איך דער ח. פאַמיליע האַנדעלסמאַן, פוקס, צו די חתונות פון זייערע זיהן. זעהט ביי זיי פיל גליק און אייביגע צופרידענהייט.

וולאָצלאַוועק אכתר באָבראָווסקא

---

אַ הערצליכען מזל-טוב ווינשען מיר צו די פערלאָבונג פון אונזערע פריינדינס פרל. פריינד מיט ה' פלאַטקעוויטש, פרל. זילבערבערג מיט ה' ציטאַט, פרל. בורשטין מיט ה' לעווענשטיין.

רוזשאַן פייגעל און שיינה קאַפּוסטא

---

אַ ברכה'פולען מזל-טוב אונזער וויצעפאָרזיצערין פרל. גיטעל מילבערגער צו איהר פערלאָבונג מיט ה' מענדיל לאַנדוי (לאָדז) ווינשט

בזשעזשין בנות אַגודת ישראל

---

## מ ז ל - ט ו ב

ווינשען מיר אונזער חברט'ע פרל. ליבא נאָוואָמיאַסט (זד.-וואָלא) צו איהר פערלאָבונג מיט ה' וואָלף ברוין (לענטשיץ) אייער צוקונפט זאָל זיין בעצירט מיט בלומען פון אַגודת ישראל, אויף די בערג פון יהודה און ירושלים.

וויעלון: בריינדל שיף, ש. בראָמבערג, ח. קורץ לעהרערין מאַשע אונגער, בנות אַגודת ישראל

---

בברכת מזל-טוב חמה מעמקי לבנו אנו מברכות את ידידתנו החביבה לנו מרת רייזל שפירא לארושי' עם מר אברהם רובין נ"י. תזרח מזלתכם כשמש בצהרים.

מלכה קוטנער, שרה גריצהענדלער, פ. וויטעלזאָן, ט. ניימאַן, ח. מיימאַן.

---

אַ הערצליכען מזל-טוב ווינשען מיר די אונערמידליכע עסקנים ביי אונזער בית-יעקב-שול, דעם חשובען ה' חיים אַלבערט און פרל. ביילא אַלבערט צו דער חתונה פון זייער ברודער ברכה והצלחה בכל אשר תעשו.

קינצק לעהרערין פ. שטייער און שילערינס פון בית יעקב

---

א הערצליכען מזל-טוב ווינש איך מיין ליבער חברה רייזל שפירא (וואַרשא) צו איהר פערלאָבונג מיט ה' אברהם רובין (דאָמבראָווא)—השי"ת זאָל דיין נייעם לעבענס-וועג בענשען מיט פיל גליק.

ניי-שטאַט בית-יעקב-לעהרערין
יהודית קאַמינער

---

מיין האַרציגען ברכה'פולען מזל-טוב גיב איך דער פאַמיליע גאַלאַנד צו דער חתונה פון זייער טאָכטער אסתר גאַלאַנד מיט ה' פ. סאַפּירשטיין. זאָל גליק און צופרידענהייט זייער לעבען תמיד בעגלייטען.

מעזריטש לעהרערין העלפמאַן

---

אַ האַרציגען מזל-טוב ווינשען מיר אונזער בנות-מיטגלידערין פרל. מלכה וויינבערג (גער) מיט ה' ירחמיאל יצחק קליינבלום (סאָבוטא) צו איהר פערלאָבונג.

גער לעהרערין מ. גרינבערג
בנות-אַגודת-ישראל

---

ברכת מזל-טוב חמה ונלבבה הנני מאחלת לרגלי נשואי חברתי הנעימה צפורה זלברג מאטוואצק עם מר אריי' פרם מוורשה. יהיה עתידם מבורך עדי עד והוריה ישאבו מהם רב עונג.

טשאַרטקאָוו צפורה טייטלבוים

---

צו דער פערלאָבונג פון אונזער מיטגלידערין יוכבד פערשטער מיט ה' א. וואַרשאַווסקי ווינשען מיר פיל גליק אין דער צוקונפט אונטער דער פיהרונג פון מלך בית-דוד.

סאָסנאָוויץ לעהרערין נ. עלענבערג
5-טער קורס בית-יעקב
בנות אַגודת ישראל

---

פון טיפען האַרצען ווינש איך מזל-טוב מיין ליבע חברט'ע פעריל לאה זיידמאַן (לוטוטאָוו) צו איהר פערלאָבונג מיט ה' סאַלאָמאָן (מיחאָוו - לובאַרט) אייביגע צופרידענהייט זאָל אייך בעגלייטען.

פראָשאָוויץ ט. לעווקאָוויטש

---

אַ האַרציגען ברכה-פולען מזל-טוב ווינשען מיר די איבערגעגעבענדע פריינדין פון אונזער בית-יעקב - ליטעראַטור בכלל און פון אונזער זשורנאַל בפרט לעהרערין פרל. פעריל זיידמאַן צו איהר פערלאָבונג מיט ה' סאַלאָסאָן — אייער מזל זאָל שיינען ווי דער אויפגעהענדער זין פון בית יעקב. די רעדאַקציע

---

דעם טיפסטען מיטגעפיהל דריקען מיר אויס אונזער חברה רחל לעווענטהאל צוליב'ן פריהצייטיגען טויט פון איהר שוועסטער—זאָל זי זיין געטרייסט צווישען די אבלי ציון!

זאַוויערטשע: פרוי פלאַוונער און איהר גרופּע ביי בנות-אַגודת-ישראל

---

לידידי היקרים מר מאיר רייכמאַן (לודז) ומשה קופיטא (ורשה) ומר אביגדור יע ב בילר (ורשה) ברכת מזל-טוב חמה ונלבבה לנשואיהם.

א. ג. פרידנזון.

---

דרוקעריי מ. ליבעסקינד
[illegible]
לאָדז, קילינסקא 50

Red. Lezer Gerszon Frydenzon | געזעצט: מ. ליבעסקינד, לאדז קילינסקא 50· | Tłocznia J. Djament. Łódź. Kilińskiego 50.
Tel. 188-76·

בית יעקב-לודז/גליון/שנה ז/גליון 056 a הודפס מתוך הארכיון היהודי
עמוד 18 מתוך 18